שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
'עבודת ימי אלול'

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

מאמר כ"א
חודש אלול שנת תשפ"ג לפ"ק

# פרנס החודש

האי גברא רבא ויקירא, הרבני הנכבד והמפואר, איש ישר וטוב לב,
ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, אוהב תורה ולומדיה
ה"ה
מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו
מעמודי התווך

לרגל אירוסי בנו הבה"ח **יואל שמעון** נ"י
למז"ט ובשעטו"מ
עב"ג בת מוה"ר **אפרים אליעזר פריעדמאן** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה יפה,
ויזכו לבנות בית נאמן בישראל, דורות ישרים ומבורכים,
ואך טוב וחסד ירדפם כל ימי חייהם,
לתפארת משפחתם החשובה, עדי
נזכה לביאת משיח צדקינו בב"א


לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
בא"י 0765997840
~ ~ ~
ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור
הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9



©
כל הזכיות שמורות



נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


"וְאָבִיתָ תְהִלָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר מִקְּרוּצֵי חֹמֶר"......................א
די הויפט מעלה פון משה רבינו ע"ה.........................ב
ווען מען זאל איבערקערן א מענטש...........................ג
געטאנצט א גאנצע נאכט............................ד
"בְּתוֹךְ לִבִּי מִשְׁכַּן אֶבְנֶה"...............................ה
אליין באשטימען זיין צוקונפטיגן גורל..............................ז
"כאשר יודע כל אחד ואחד בנפשו"..........................ז
גענומען דעם פולן אחריות...........................ט
"מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל?!"...............................יא
דאס הארץ פון א איד!..................................יב
מיר האבן איין עצה!.......................................יד
דווקא ווייל דו פארשטייסט נישט!..........................טו
נאך קיינמאל נישט געהאט אזא נחת רוח!..........................יח
טריקענערהייט.......................................יח
זיך אנהאלטן אין דעם שטריק...............................כ
רופן דעם אויבערשטן ביים נאמען............................כא
די בעסטע וויטאמינען.......................................כב
ער קומט ווי א תלמיד חכם...........................כד
'יהיה איך שיהיה' - נישט אפלאזן תפילה!...........................כה
"שובו אלי" - מיט וואס דו קענסט!..........................כז
"ואשובה אליכם" - איך גיי דיר אנטקעגן!..........................כט
"אָנוּ מְלֵאֵי עָוֹן, וְאַתָּה מָלֵא רַחֲמִים"...........................ל
געמאכט מיט דער ליפן.......................................לא
"כֵּלִים רֵקִים אַל תַּמְעִיטִי"...............................לב

# מאמר כ"א

## עבודת ימי אלול

[מתוך כינוס הכנה לאלול שנת תשס"ה לפ"ק]

**"וְאָבִיתָ תְהִלָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר מִקְּרוּצֵי חֹמֶר"**

ר' משה[א] האט גערעדט פון דעם ענין פון 'כבוד אלקים'[ב] - דאס איז א מורא'דיגע זאך וואס כלל ישראל האט דעם זכות; מיר זענען דאך א בשר ודם 'מקרוצי חומר ומגושי עפר' - און דער אויבערשטער האט תולה געווען דער 'התגלות כבודו' אין דער גאנצער חלל הבריאה אז עס איז תלוי אין אונז![ג]

דאס איז דאך א זכות שאין כמוהו!

ווען מען ווייסט ווי גרויס דאס איז וואלט מען געטאנצט אויף די פיס פון שמחה אליין!

---

**א.** ה"ה הגה"ח ר' משה קרעמער שליט"א, מזקני וחשובי המשפיעים בקרב חסידי ברסלב, ונשיא מוסדות ברסלב בארה"ק תובב"א.

**ב.** עיין ליקוטי מוהר"ן מאמר ו' - בענין עבודת חודש אלול, שצריך להרבות בכבוד המקום ולמעט בכבוד עצמו, עיין שם.

**ג.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"א: כל הבריאה לא היתה כי אם בשביל כבודו יתברך, על כן הכל נברא בשביל האדם. כי **כל הגדלת כבודו יתברך תלוי בהאדם דייקא.** על כן כשבא איזה כבוד להאדם צריך ליזהר מאד שלא יקח לעצמו מן הכבוד כלום, רק שיראה להחזיר ולהעלות כל הכבוד לשם יתברך ובזה הוא מתקן ומקיים כל העולם, כי כל העולם ומלואו לא נברא כי אם בשביל כבודו יתברך כנ"ל. (ע"פ ספה"ק ליקוטי עצות). עיין גם ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ז', אות ד': **"ואבית תהילה מגושי עפר מקרוצי חומר"** וכו', כי השם יתברך יש לו שרפים וחיות ואופנים ועולמות עליונים, שהם עובדים אותו יתברך, **ואף על פי כן עיקר התענוג והשעשוע שלו כשעולה למעלה העבודה של עולם השפל הזה.**

## די הויפט מעלה פון משה רבינו ע"ה

עס ווערט געבראכט[ד], פון אלע מידות, די (הויפט) מידה פון משה רבינו פארוואס דער אויבערשטער האט דורך אים געגעבן די תורה הקדושה, איז געווען במיוחד מכח זיין עניוות, וויבאלד דאס איז דער שורש פון אלע מידות טובות[ה].

מען זעהט דאך, דער הייליגער רבי האט מיט דעם ווארט "יהושע" מכוון געווען אויף רבי נת'נען[ו] - דאס איז דער שורש פון עניוות[ז].

---

**ד.** עיין בפירוש "תפארת ישראל", ובפירוש "זרוע ימין" על אבות להחיד"א על המשנה (אבות א, א) "משה קיבל תורה מסיני".

**ה.** עיין "שערי קדושה" (מהרח"ו) ח"ב, שער ד': אמנם הענוה והשפלות, אין מדה גדולה ממנה כי משה רבינו ע"ה רבן של כל הנביאים בתורה ובמצות ויראת חטא לא נשתבח אלא בענוה.

**ו.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ו', אות ה': "ואז נעשה יחוד בין חמה ללבנה, שהשמש מאיר ללבנה, ונעשה יחוד בין משה ויהושע, כי (בבא בתרא עה ע"א) 'פני משה כפני חמה'", וכו'. ועיין בחיי מוהר"ן אות ב': "ואז אמר לי בזו הלשון שבכל מקום שמתוועדין יחד רבי ותלמיד נעשה בחינה זאת בחינת משה ויהושע ואהל מועד, והנה כל זה היה בהתחלת התקרבותי אליו". ועיין מה שכתב על זה הגאון מטשעהרין בספרו "פרפראות לחכמה" על מאמר זה, אות ט"ו, וז"ל: מה שאמר להר"ר נתן ז"ל שבכל מקום שמתוועדים יחד רבי ותלמיד הוא בחינת משה ויהושע ואוהל מועד, **ולדעתינו העניה יש בזה דברים גבוהים ורמים, כי רמז בזה סוד ההתקשרות בינו ובין תלמידו הקדוש הר"ר נתן ז"ל** כי מאמר זה נאמר סמוך מאוד להתקרבותו אליו ז"ל. ומי שבקי קצת בספריו הקדושים של הר"ר נתן ז"ל, והכיר אותו בחייו ושמע דבריו ושיחותיו הקדושים ובקי קצת בעניניו וסיבותיו אשר עברו עליו יבין בלבו ויראה בעיני שכלו ממש כי היה מבחינה זו הנ"ל, כי רוב דבריו המה מהתחזקות בעבודת ה' לבלי לייאש עצמו שום אדם מישראל רק כל אחד ממקומו ידרוש ויבקש את ה' שזה בחינת 'בקי בשוב' המבואר במאמר הנ"ל, שזה בחינת 'נקודה התחתונה' בחינת 'יהושע'. עיין עוד שם בפרפראות לחכמה על תורה ז' תניינא אות כ"ח.

**ז.** עיין בליקוטי מוהר"ן שם בפנים המאמר מה שמבואר שם, שבחינת יהושע זה בחינת נקודה תחתונה, בחינת ענוה. גם עיין בחיי מוהר"ן אות של"ח, הערת המעתיק: "גם בעתים הללו סיפר (רביז"ל) עם הרב רבי יצחק ז"ל חתן הרב המגיד ז"ל מטירהאוויצע והפליג בשבח מעלת הרב רבי נתן ז"ל. ורבי יצחק הנ"ל לא ראה אותו ולא היה מכירו עדיין, ואז אמר לו אם תסתכל עליו תראה בו שהוא שפל ברך כל כך עד אשר הוא כעפר וטיט ממש. ובלשון אשכנז: **דוא זאלסט אים אָן קוקן איז ער א גלאַט שטיקל בלאָטע** וכו'. וכן היה", וכו', עיין שם. עיין גם בפרפראות לחכמה על תורה ז' תניינא אות ל"ד מש"ש, ובתוך דבריו כתב בזה"ל: "**כבר ידוע מעלת הענוה הקדושה שהיה להר"ר נתן ז"ל כידוע לכל יודעיו ומכיריו,**

דער רבי זאגט אפילו נישט אז מען דארף 'ישמע בזיונו', נאר מען דארף זייער וויסן אז דער עיקר איז "כבוד ה'"[ח].

## ווען מען זאל איבערקערן א מענטש...

אדרבה, אונזער גשמיות און אונזערע עוונות פארשטעלן (דווקא) וויבאלד מיר זענען גרויס; ווען מיר זענען נישט גרויס – - א גוי וואס טוט עבירות ווערט גארנישט געטון דורך דעם... אונזער גרויסקייט איז דווקא, אז יעדע תנועה רירט עולמות 'פשוטו כמשמעו'![ט]

עס שטייט אין חיי מוהר"ן[י], דער רבי האט געזאגט: "**ווען מען זאל איבערקערן א מענטשן וואלט מען געזען ווי אין יעדעס אָדערל**

---

**וכאשר רבינו ז"ל בעצמו הפליג בשבחו בענין המדה זו של ענוה, וענוה גדולה מכולם כנ"ל**", וע"ע בדרך כוכב (תורה א').

**ח.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ה, אות ז': ... ולהפוך כל הבזיונות והחרפות, להפוך לכבוד; כי כשאדם עומד בהיכל המלך, ומבטל את עצמו מכל וכל, ואין רואה שום דבר, אלא את המלך רואה. **בוודאי כששומע איזהו חרפה וביזוי, הוא מפרש את החרפה והביזוי לפירוש של כבוד להמלך.** כי איך אפשר שיבוא אחד לתוך היכל המלך ויבזה את המלך? אלא בוודאי אלו דברים הם דיבורי כבוד. ומתבונן בהדיבורים איך לפרש ולצרף אותם, שיתהוו מהם כבוד להמלך. **ואין לחשוב שמא אלו החרפות עליו נאמרים, זה אינו, כי מי הוא, הלא ישותו נתבטל ואין כאן אלא המלך בעצמו.** וזהו (תהלים כ"ט): "ובהיכלו כולו אומר כבוד". כל האמירות, צריך לצרפם להתהוות מהם כבוד. ובשעת התפלה, האדם עומד בהיכל המלך. בבחינת (שם נ"א): "אדנ"י שפתי תפתח", אדנ"י זהו היכל (תקון י"ח דף ל"א ע"ב). בכן צריך לעשות מכל הבזיונות, צירופי כבוד להמלך.

**ט.** עיין ליקוטי הלכות הל' נזיקין ה"ד, אות א': על כן צריך כל אדם לידע שחוט השערה יקר מאד מאד, והוא תלוי בכל עת בחוט השערה, שיכול האדם לקלקל הרבה מאד על ידי חוט השערה חס ושלום. וכל שכן וכל שכן שיכול לתקן הרבה על ידי חוט השערה, כי מידה טובה מרובה ממידת פורעניות וכו' עיין שם באריכות.

**י.** אות תק"ד: מענין הפלגת גדולת האדם, אמר, כשהאדם עושה כך בידיו נעשה כך בכל העולמות, וכשעושה כך בידיו נעשה כך בכל העולמות. ואמר בזו הלשון: **וואס טייטש א מענש אז ער טוט אזוי א מאך מיט דער האנד, ווערט אזוי גיטאן אין כל העולמות, אין אז ער טוט אזוי א מאך מיט דער האנד, ווערט אזוי גיטאן אין כל העולמות.** גם עיין שם

**איז תלוי אלפי אלפים ורובי רבבות עולמות!"** - אזוי האט דער רבי געזאגט. זעט מען דאך בפנימיות פון וואנעט אפילו אונזער גוף שטאמט; איז דאך עס א געוואלדיגער זכות[יא].

## געטאנצט א גאנצע נאכט

מען זאגט[יב], דער רבי ר' בונם פון פרשיסחא האט אמאל געזאגט: **'דו ווייסט וואס א איד איז? דו ווייסט וואס א איד איז? אז ער איז 'מוציא מרשות לרשות' אום שבת גיט מען אים סקילה! - זעה וואס א איד איז!';** וואס האט ער שוין געטון?! אז ער איז נאר מוציא 'מרשות הרבים לרשות היחיד' גיט מען אים סקילה! זעה ווי ער רירט עולמות! איז דאך אוודאי 'מידה טובה מרובה' פינעף הונדערט מאל אזויפיל![יג].

---

אות תק"ה: אמר, **אז מע זאל איבערקערן א מענשן, וואלט מען גיזעהן וויא אין איטליכן אדעריל הענגען אלפי אלפים ורובי רבבות עולמות.** [אם היו מהפכין את האדם (רצונו לומר לראות את פנימיותו) היו רואין שבכל גיד וגיד מגידיו תלויים אלפי אלפים ורבי רבבות עולמות].

**יא.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ג, אות ה': צריך לידע ולהאמין שנפשו בשרשה היא גדולה ויקרה וגבוה מאד מאד ואלפי אלפים ורובי רבבות עולמות בלי שיעור תלויים בה וכמו שאמר רביז"ל שאם היו מהפכין את האדם היו רואין שבכל גיד וגיד מגידי האדם תלויים אלפי אלפים ורובי רבבות עולמות. וכמבואר בשאר ספרים מגודל מעלת האדם שהוא בחינת צלם אלקים. ואפילו נפש הפחות שבפחותים של ישראל גם כן גבוה מאד מאד.

**יב.** עיין ספר 'אור פני יצחק' אות קט"ז דף מ"ו: שמעתי מפה קדוש אאמו"ר זצ"ל, בהזמר 'כי אשמרה שבת' שנתחבר מהראב"ע ז"ל, בהחרוז 'מחל בו מלאכה סופו להכרית ואכבס בו לבי כבורית'. שהרבי ר' בונם זצ"ל מפרשיסחא, היה יושב פעם אחת בשבת, והיה אומר, שאינו יודע במה יש לו שייכות אל השבת, ונחלש דעתו מזה. ואחר כך התיישב והתחזק ואמר, שבאם שהיה מחלל שבת ח"ו היה מחויב מיתה - אם כן, בזה גופא יש לו שייכות להשבת. ובזה יראה לפרש גם כן החרוז הנ"ל, מחל בו מלאכה סופו להכרית, שבזה שהיה מחלל את השבת בעשיית מלאכה - סופו להכרית, בזה, אכבס לבי כבורית. היינו, להתחזק שיש לו שייכות אל השבת. ודפח"ח. גם עיין 'מאמרי שמחה' אות ט"ו, בשם הרב מפלונסק זצ"ל, ד"ה: 'ושמרתם את השבת'.

**יג.** עיין ליקוטי הלכות הל' עירובי תחומין, אות ל"ה: אבל באמת בזה בעצמו יכול האדם להחיות את עצמו ולחזק את עצמו, כי מאחר שאני יודע עדיין שהעבירה היא פגם גדול

די חסידים האבן געטאנצט א גאנצע נאכט אויף דעם דיבור!...

געוואלד! מיר זענען קליין און גרויס; (מצד אחד) זענען מיר ממש גאר קליין, מיר האבן זיך אסאך צו שעמען מיט אונזער קליינקייט; אבער (מצד שני) זענען מיר זייער גרויס, זייער גרויס!

ווען מען ווייסט ווען די גרויסקייט[יד] - - דער זוהר הקדוש זאגט[טו]: **"ווען אידן ווייסן ווען ווי ווייט דער אויבערשטער האט זיי ליב, וואלט מען געברומט צום אויבערשטן 'יומם ולילה' אזוי ווי לייבן!"** – אזוי זאגט דער זוהר הקדוש. פארוואס האט ער אונז ליב? ווייל מיר גיבן נישט קיין מחשבה אויסער (- אנטקעגן) דער תורה הקדושה.

## "בְּתוֹךְ לִבִּי מִשְׁכַּן אֶבְנֶה"

איך האב געזען היינט אין תיקוני זוהר[טז], רעדט ער פון כבוד ה'; עס שטייט: "**כָּבוֹד חֲכָמִים יִנְחָלוּ**"[יז]. וואספארא כבוד ווערט מען געבן די חכמים? דער אויבערשטער גיט זיי א נשמה פון 'כבוד נאצל דאצילות' - ער ווערט פול - 'מלא זיו השכינה', ער ווערט א משכן ה' - אט דער גשמיות'דיגער בשר ודם![יח] דאס איז דאך א דבר נפלא

שעל ידה פוגמין הרבה בעולמות עליונים כו' נמצא שיש לי אמונה עדיין, ומאחר שיש לי אמונה עדיין בודאי יש לי תקוה בלי ספק, כי מאחר שאני מאמין שיכולין לקלקל בודאי יכולין לתקן גם כן, וכמו שאמר רביז"ל בפירוש: 'אם אתה מאמין שיכולין לקלקל, תאמין שיכולין לתקן!' ... וכל זמן שיש לאדם נקודה מאמונה יש לו תקוה עדיין, כי יש עצות כאלו שגם הוא יכול לחזור לה' יתברך בניקל על ידי איזה נחת רוח שיעשה לה' יתברך במקום שהוא, שעל ידי זה יזכה לשוב אליו באמת על ידי כח הצדיקי אמת, וכו', עיין שם. וכעי"ז מובא בליקוטי הלכות הל' משא ומתן ה"ד, אות י"ז.

**יד.** עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה, אות ז': כי אם היה האדם מאמין בעצמו שנשמתו גבוה מאד מאד, כי אפילו הנשמה של הפחות שבישראל גבוה מאד ובו תלויין כל העולמות עליונים ותחתונים, בוודאי לא היה עובר שום עבירה ולא היה פוגם שום פגם.

**טו.** פר' בלק דף קצ"א ע"א.

**טז.** דף ה' ע"א.

**יז.** משלי ג, לה.

**יח.** כלומר, עיקר הכבוד הוא במשכן כמ"ש (שמות מ, לה): **"וּכְבוֹד ה' מָלֵא אֶת הַמִּשְׁכָּן"**.

מאד - א בשר ודם ווערט א משכן לשכינה ממש! [**"אֹהֶל שִׁכֵּן בָּאָדָם"**[יט]], ער ווערט א הייליגער לעבעדיגער בית המקדש! ער באקומט אזא מין חיות אין הקדוש-ברוך-הוא אז עס איז נישטא קיין אנדערע זאך חוץ פון הקדוש ברוך הוא, ער ווערט פול מיט זיו השכינה, מען איז בטל ומבוטל פארן אויבערשטן, דאס איז דער גרעסטער נועם אין דער וועלט! עס איז נישטא קיין מציאות און קיין ישות, ווייל ער האט א משכן, ער האט דעם נועם פון השם יתברך, דעם אויבערשטנס כבוד איז זיין כבוד, עד כלות הנפש ממש![כ]

די וואס האבן די נשמה דאצילות ממש, איז ממש אזוי ווי חז"ל זאגן[כא] אויף דוד המלך מיט שמואל'ן אז זיי האבן אין איין נאכט אפגעלערנט וואס א תלמיד ותיק לערנט נישט אפ אין קיין הונדערט יאר! ווייל ער איז געווען למעלה מן הזמן, למעלה מהשכל, זיי זענען געווען געטליך ממש![כב]

אזא בחינה איז דא ביי יעדן אידן! אין יעדן אידן, אין יעדן אידן, אין יעדער איד - עס איז א מורא'דיגע זאך!

---

**יט.** תהלים עח, ס; עיין ב'פורת יוסף' פר' יתרו: 'אהל שכן באדם' (תהלים עח, ס), כמ"ש (שמות כה, ח) 'ושכנתי בתוכם'. כי הצדיק נקרא היכל ה' ומקדש ה', שבו שוכן י"ה, כנודע ומפורסם בדברי קדמונים מזה.

**כ.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קע"ב: אם האדם מבטל עצמו, ואינו כלל מזה העולם, אזי אינו עושה צל, ומקבל אור השם יתברך, ועיקר אור השם יתברך הוא הכבוד, כי כל מה שברא הקדוש ברוך הוא לא ברא אלא לכבודו, כמו שכתוב (ישעיה מ"ג): "לכבודי בראתיו" וכו'. וזה: **"מלא כל הארץ כבודו"** (שם ו), היינו אם הוא "**מלא** כל הארץ" - שאינו כלל מזה העולם, אזי מקבל אור השם יתברך שהוא הכבוד: וזה (משלי ג): **"כבוד חכמים ינחלו"**, כי "החכמה **מֵאַין** תמצא" (איוב כח). ועל כן החכמים שהם אין, זוכים לכבוד, על ידי שאינם עושים צל להפסיק, כי אין להם שום גשמיות.

**כא.** מדרש שוח"ט שמואל פרשה כ"ב.

**כב.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ק"י: התורה היא רוחניות. ואשר זך ישר פעלו. ושכלו רוחני. יכול לתפוס כל התורה כולה ולא ישכח דבר. כי דבר רוחני אינו תופס מקום. ויכולה התורה להתפשט ולשכון בשכלו. גם עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ט"ו, אות ד': ...שמבטל כל גשמיותו ואין גבול. וכשאין גבול, אזי יכול להשיג התורה שלעתיד שהיא אינה גבול ואין נתפסת בגבול.

## אליין באשטימען זיין צוקונפטיגן גורל

ממילא דארף מען וויסן, עס שטייט דאך ערשט פאר אונז די פערציג טעג פון אלול מיט ראש השנה מיט עשרת ימי תשובה מיט א סוכות וארבע מינים פון "**אִמָּא מְסַכֶּכֶת עַל בְּנָהָא**"[כג], מיט שמחת תורה - עס איז איין דעת! איין קומה![כד] אז מען נעמט דאס אריין אין זיך און מען איז דבוק אין דעם מיט וואס נאר מיר קענען אפילו, דארף מען וויסן אז עס ווערן געטון תיקוני עולמות לעולמי עד ולנצח נצחים!

ראש השנה איז דאך א בחינה פון דעם 'יום הדין האחרון'[כה]. יעדער מענטש איז קובע זיין גורל און דער גורל פון אלע עולמות לויט ווי ער פירט זיך אין די טעג פון אלול ביז מוצאי שמחת תורה![כו] דאס איז דאך תיקונים נפלאים!

## "כאשר יודע כל אחד ואחד בנפשו"

אבער דא זענען מיר אזוי צעקלאפט, אזוי צעבראכן, אזוי פארטומלט. עס איז א געוואלדיגער זכות אויף אידן, מיר געפינען זיך אין אזא דור המבול 'רחמנא ליצלן' וואס האט גורם געווען אזא טמטום הלב, אזא טומטום הלב! מיר זענען אויסגעטריקנט ווי א

---

**כג.** עיין תיקוני זוהר דף ב' ע"ב.

**כד.** עיין ליקוטי הלכות הל' נשיאת כפים ה"ה, אות ל"ב: כל התיקון של ראש השנה ויום הכפורים נגמר בשמיני עצרת כידוע בכתבים. ועל כן נקרא עצרת לשון אסֵפה שאוסף ומקבץ כל התיקונים שנעשו בכל השנה, בפרט בימים טובים וראש השנה ויום הכפורים הכל נאסף ונתקבץ בשמיני עצרת שאז נגמר כל התיקונים. כי הוא הגמר של חג הסוכות שהוא רל האחרון שנקרא חג האסיף תקופת השנה שבו מקיף וסובב כל השנה, כי תיקון כל ימות השנה נכלל ונגמר בו.

**כה.** עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הראיה ה"ה, אות י': ועל כן בראש השנה יום הדין שהוא כנגד יום הדין של עולם הבא כידוע.

**כו.** עיין פלא יועץ ערך 'סליחות': **ולפי מה שהיה כלי מוכן לקבל בימים האלה כן נמשך עליו הארה לשאר ימות השנה להתנהג בסדר קדושה.** וזהו 'המשפט לאלקי"ם' בימים נוראים על חיי הנפש לפי מעשיו ולפי הכנתו.

נעסט. ממש אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט[כז] אויף דעם גלות אז מיר זענען אזוי ווי מתים.

בשעת עס וועט קומען די גאולה מיט משיח'ן, דער **"רוּחַ אַפֵּינוּ מְשִׁיחַ ה'"**, וועט מען אנהויבן צו אטעמען, מען וועט אנהויבן צו לעבן, מען וועט דעמאלט זען ווי מען איז געווען ממש גוססים, גוססים ממש, געשטארבענע מענטשן - אזוי קוקן מיר אויס.

אבער ווי מיר זענען זייער קליין און צעקלאפט און מען געפינט זיך אין א דור המבול, אין א צייט וואס טוט איבערגיין אויף יעדן איינעם **"יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת"**[כח] - **"כאשר יודע כל אחד ואחד בנפשו"** ברוחניות ובגשמיות - אזוי ווי רבי נתן זאגט[כט], דארפן מיר אבער וויסן ווי גרויס דאס איז אז מיר האלטן זיך ביים בורא עולם און אז מען גלויבט אין דעם בורא עולם און מען גלויבט אין דער תורה הקדושה, בפרט אז מיר האבן אמונה אין צדיק! מען דארף

---

**כז.** תיקונים דף ע' ע"ב.

**כח.** תהלים קז, כו.

**כט.** עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות כ"ג: **וזהו בחינת כל העליות והירידות אלפים ורבבות שעוברין על כל אדם**, ואפילו על הרחוקים מאד מה' יתברך, יש להם בחינת עליות וירידות, כי גם אצלם אין יום דומה לחבירו. ואפילו ביום אחד יש לכל אחד כמה שינויים לאין מספר. ובפרט אלו המתעוררין לשוב לה' יתברך ולהתקרב לצדיקי אמת, והם חלושי כח וכו' שעליהם מתגבר וחותר היצר הרע יותר ורוצה להפילם חס ושלום, והם מתייגעים להתגבר עליו ויש להם שינויים, בחינת עליות וירידות בלי שיעור, בחינת **'יעלו שמים ירדו תהומות'** וכו'. ועל כל זה צריכין התחזקות גדול ועצום מאד, **בפרט בדורות הללו ובדורות הבאים שהם סמוכין לימות המשיח.** כי כל מה שסמוכין יותר אל הקץ הבעל דבר הוא מתפשט ומתגרה יותר (כמו שמבואר במקום אחר ). גם עיין שיחות הר"ן קי"ז: ורצה להכניס בלבנו **שכך צריך כל אחד ואחד לצעוק להשם יתברך ולשא לבו אליו יתברך כאילו הוא באמצע הים תלוי על חוט השערה**, והרוח סערה סוער עד לב השמים עד שאין יודעין מה לעשות וכמעט אין פנאי אפילו לצעוק. אבל באמת בודאי אין לו עצה ומנוס כי אם לישא עיניו ולבו להשם יתברך. וכך צריכין בכל עת להתבודד ולצעוק להשם יתברך. כי האדם בסכנה גדולה בזה העולם **כאשר יודע כל אחד בנפשו** והבן הדברים היטב.

וויסן, דאס איז דאך ניסים ונפלאות וואס נאר אידן קענען דאס, מיר זענען אַן 'עם קשה עורף', א 'קשה עורף'![ל]

בפרט מיט דער התחזקות פון דעם הייליגן רבי'ן וואס האט אריינגעגעבן אין יעדן איינעם - **נישט אפלאזן דעם בורא עולם - ווי דו קוקסט אויס - מיט די גרעסטע קלעפ וואס דו כאפסט!** נישט ווי דער בעל דבר וואס איז דיר מייאש און נעמט דיין גאנצע 'עָבַר' און צוברעכט דיר דעם 'עתיד' און ווייזט דיר אויף מן התורה ומן הנביאים ומן הכתובים אז דו ביסט פארפאלן ממש רחמנא ליצלן - אבער דער רבי האט אריינגעגעבן אזא התחזקות - 'ניין! מיר זענען זייער גרויס, מיר זענען זייער גרויס!' - מיר האבן אמונה אין רבי'ן.

## גענומען דעם פולן אחריות

דאס איז דאך די תורה פון "אזמרה לאלקי בעודי"[לא], אז א מענטש דארף זיך דן זיין לכף זכות; אז נישט קען ער נישט דאווענען, ער

---

**ל.** עיין מדרש רבה כי תשא מ"ב, ט': "והנה עם קשה עורף הוא" וכו'. אמר ר' יצחק בר רדיפא בשם ר' אמי, **אתה סבור שהוא לגנאי, ואינו אלא לשבחן, או יהודי או צלוב.** עיין גם מה שכתב החתם סופר לבאר בזה (שמות לד, ט [תקצ"ז]): "ויאמר אם נא וגו' **כי עם קשה עורף הוא וסלחת לעונינו**". וקשה, הא עם קשה עורף היה טענת הקב"ה "כי לא אעלה בקרבך כי עם קשה עורף אתה פן אכלך"? אמנם ידוע כי עזין שבאומות, ישראל, כי עם קשה עורף הוא, ועומדים נגד ע' אומות, וסבלנו שמד הרג ואבד, וכל הרוחות לא הזיזונו ממקום השי"ת שמו וכו' וכו' - עיין שם.

**לא.** ליקוטי מוהר"ן סי' רפ"ב, וז"ל (ע"פ ליקוטי עצות): "כשמתחיל האדם להסתכל על עצמו ורואה, שרחוק מטוב והוא מלא עוונות, אזי יכול ליפול על ידי זה ולא יוכל להתפלל כלל, על כן הוא מחוייב לחפש ולבקש ולמצוא בעצמו איזה טוב. כי איך אפשר שלא עשה מימיו איזה מצוה או דבר טוב. ואף כשמתחיל להסתכל באותו טוב שעשה, הוא רואה שהטוב בעצמו הוא מלא פצעים ואין בו מתום, כי הטוב מעורב בפניות ובפסולת הרבה, אף על פי כן, איך אפשר שלא יהיה בהמעט טוב איזה נקודה טובה?! וכן צריך לחפש ולבקש עד שימצא בעצמו עוד איזה דבר טוב, ואף שגם זה הטוב מעורב גם כן בפסולת הרבה, עם כל זה, על כל פנים יש בו איזה נקודה טובה. וכן יחפש ויבקש עוד עד שימצא בעצמו עוד איזה נקודות טובות ועל ידי זה שמוצא בעצמו איזה זכות וטוב, על ידי זה יוצא באמת מכף חובה לכף זכות ויוכל לשוב בתשובה. ועל ידי זה יוכל להחיות את עצמו ולחזק את

קען נישט לערנען, ער קען נישט גארנישט. איז פשט אז מען דארף זיין אביסל דערהויבן - מיין דאווענען איז ווערד, דער אויבערשטער האט ליב מיין קרעכץ, ער האט מיר ליב אהבת נפש! "**אָהַבְתִּי אֶתְכֶם אָמַר ה'**"[לב] - דאס גייט אויף יעדן איינעם!

דער בעל דבר קומט דאך - 'דו ביסט א גוי, דו ביסט גארנישט' - עס האט נישט קיין גבול וואס ער איז מייאש. דערפאר האט דער רבי אנגעגרייט א תורה פון "אזמרה לאלקי בעודי", עס איז דא א "**עוֹד מְעַט וְאֵין רָשָׁע**"[לג], עס איז דא נקודות טובות אין דיר, דו כאפסט אריין נקודות טובות, נאך א נקודה טובה, נאך א נקודה טובה! עס האט ממש נישט קיין גבול ווי גרויס א איד איז!

אפילו אויב דער מח ארבעט נישט אזוי (- לדון עצמו לכף זכות), דארף מען האבן אמונה אין הייליגן רבי'ן - **'יא, דער רבי האט געזאגט אז**

---

עצמו ולשמח את עצמו איך שהוא, ואז יוכל להתפלל ולזמר ולהודות לשם", וכו' עיין עוד שם, ועיין בפנים איך מתבאר זה כמין חומר בפסוק 'אזמרה לאלקי בעודי וגו''.

**לב.** מלאכי א, ב.

**לג.** עיין ליקוטי מוהר"ן שם: וזה בחינת (תהלים ל"ז): "**ועוד מעט ואין רשע והתבוננת על מקומו ואיננו**". היינו שהפסוק מזהיר לדון את הכל לכף זכות, ואף על פי שאתה רואה שהוא **רשע גמור**, אף על פי כן צריך אתה לחפש ולבקש למצוא בו מעט טוב ששם אינו רשע. וזהו ועוד מעט ואין רשע, שצריך אתה לבקש בו 'עוד מעט' טוב שיש בו עדיין, ששם אינו רשע, **כי אף על פי שהוא רשע, איך אפשר שאין בו מעט טוב עדיין? כי איך אפשר שלא עשה איזה מצוה או דבר טוב מימיו?** ועל ידי זה שאתה מוצא בו עוד מעט טוב ששם אינו רשע, ואתה דן אותו לכף זכות, על ידי זה אתה מעלה אותו באמת מכף חובה לכף זכות, עד שישוב בתשובה על ידי זה, וזהו ועוד מעט ואין רשע, על ידי שמוצא בהרשע עוד מעט טוב, ששם אינו רשע, על ידי זה והתבוננת על מקומו ואיננו, היינו כשתתבונן ותסתכל על מקומו ומדריגתו, ואיננו שם על מקומו הראשון, כי על ידי שמוצאין בו עוד מעט טוב, איזה נקודה טובה, ודנין אותו לכף זכות, על ידי זה מוציאין אותו באמת מכף חובה לכף זכות. וזהו והתבוננת על מקומו ואיננו כנ"ל, והבן. עיין גם "ישמח ישראל" פר' נח, וזלה"ק: וכמ"ש **הרבי ר' ברוך זצללה"ה** עה"כ (תהלים ל"ז, י') **'ועוד מעט ואין רשע'** וגו', היינו אף אם נפש כי תחטא, עכ"ז יש עוד מקום מעט בהאדם שאין נוגע שם שום רשע, **והיא הנקודה הפנימית בעומק הלב שהוא נקי ומנוקה מכל שמץ ודופי**, ודהע"ה הי' מבקש, רבש"ע, התבוננת על מקומו, פי' על מקום זה, ואיננו, ותראה שאין שם שום רשע וחטא ועון, ע"כ.

**יעדער איינער אפילו א רשע גמור האט נקודות טובות!'** דער בעל דבר האט נישט קיין רשות צו שטערן מיין דאווענען בשום אופן שבעולם!

דער הייליגער רבי זאגט מיר - 'איך האב די ווערד צו דאווענען, עס איז חשוב מיין דאווענען!' אלע בלבולים וואס דער בעל דבר מאכט, עגמת נפש מיט חלישות הדעת, גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע, האט נישט קיין רשות מיר צו שטערן בשעת איך שטיי און איך דאווען לפני קוני! איך בין פון "**זֶרַע יַעֲקֹב אֲשֶׁר בָּם בָּחָרְתָּ**", איך מעג און איך האב רשות צו דאווענען! - אזוי ווערט מען דערהויבן!

מען דארף דעמאלטס נישט מאכן קיין חשבון פון זוכן נקודות טובות, מען קען זיך פארלאזן אויפן רבי'ן - דער רבי האט גענומען אחריות אויף דעם!

### "מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל?!"

אז מען קוקט זיך טאקע צו צו אלעס וואס איז איבערגעגאנגען אויף כלל ישראל - ווער עס האט נאר א ידיעה בתולדות עם ישראל מיט די אלע גזירות - מען זעט ממש דעם "**מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ?!**"[לד]

"מי כעמך ישראל" אז מיר שטייען אויף די פיס און מען איז ממליך דעם אויבערשטן אין א דור המבול, אין א דור הפלגה![לה]

מיר גלויבן אין דער תורה הקדושה!

מיר גלויבן אין בורא עולם!

מיר גלויבן אין די צדיקים אמיתיים!

---

**לד.** דברי הימים-א יז, כא.

**לה.** עיין ליקוטי הלכות הל' ערבית ה"ד, אות ל"ד: על כן עכשיו בדורות הללו בעיקבא דמשיחא שהסטרא אחרא התפשטה והתגברה מאד מאד לארכה ולרחבה מחמת שהיא רואה שעוד מעט מעט יבוא משיח ויוציא בלעה מפיה. על כן כל מה שאחד מישראל עושה

מיר גלויבן אין 'זיך' אז מיר זענען 'מזרע ישראל' - אזוי ווי מיר גלויבן אין בורא עולם!

**אונז זענען מְצֻוֶה פון בורא עולם צו גלויבן אין דעם סוד פון "זֶרַע יַעֲקֹב אֲשֶׁר בָּם בָּחָרְתָּ!"** - מיר געדענקען דאס און מיר האלטן זיך אין דעם![לו]

אז מען זאל דאס נישט פארגעסן נאך אזויפיל קלעפ וואס מיר האבן געכאפט ברוחניות ובגשמיות שאין לשער, איז "מי כעמך ישראל" - "מי כעמך ישראל" ממש! דער אויבערשטער האט זיך גארנישט געטוישט מיט כלל ישראל!

דאס האט אונז דער רבי געגעבן צו דערהערן און מיר דארפן דאס וויסן און גלויבן: נישט הערן קיין שום סברא אז מיר זענען נישט חשוב, ווייל מיר זענען זייער גרויס, מיר זענען משונה'דיג גרויס[לז].

## דאס הארץ פון א איד!

ווען דער הייליגער רבי האט געזאגט דער תורה מ"ט[לח] און דער רבי האט דעמאלט געזאגט דאס לשון: "עס איז 'אין סוף' וואס א

---

לפעמים איזה דבר שבקדושה הן לימוד התורה או תפלה או צדקה וגמילות חסדים או שארי איזה מצוות. הכל הוא יקר מאד מאד בעיני ה' יתברך.

**לו.** עיין ליקוטי הלכות הל' שבועות ה"ב, אות ב': וכמו מי שהוא כופר במציאותו יתברך חס ושלום, הוא כופר ומין ימח שמו, כמו כן אפילו אם אומר שמאמין במציאותו יתברך וכופר בזה שאינו מאמין שהוא יתברך חפץ בעבודתנו הוא גם כן כופר ומין. גם עיין קדושת לוי - פורים, קדושה ג': אם מתייאש את עצמו ואומר שאין להקדוש ברוך הוא נחת רוח בתחתונים אין זה נקרא עניו ושפל ברך, אדרבה הוא נוטה קצת למינות ואין זה עניו ושפל ברך העולה על לב בני האדם כי אין נחת רוח להקדוש ברוך הוא מהעושין רצונו.

**לז.** עיין עלים לתרופה במכתב שכתב מוהרנ"ת לבנו יום ב' ואתחנן תק"צ בזה"ל: ואל תשמע לדברי מוסר של הבעל דבר והסטרא אחרא, האומרים מוסר בלב בשביל להחליש הלב ולרחק ממעט הטוב שרוצים לתפוס בו, לא תאבה ולא תשמע להם, כי אין שומעין דברי תוכחה ומוסר כי אם לקרב ולא לרחק ח"ו כאשר כבר דברתי עמך הרבה בזה (ע"ע ליקוטי הלכות הל' בכור בהמה טהורה ה"ד, אות כ"ז).

איד האט אזויפיל תשוקות קודש עד כלות הנפש 'כבן לפני אביו' - און נאך מער און מער אז עס האט נישט קיין גבול - עס איז 'אין סוף ואין תכלית לתשוקתו'!" האט דער רבי דעמאלט געגעבן א ווייז אין די אידישע הערצער וואס האבן זיך געפינען דארטן, האבן אלע אנגעהויבן צו וויינען בבכיות עצומות![לט].

ווען א איד זאל דערוועקן דעם חלק איד וואס איז דא אין אים, קען ער זיך אזויפיל צעוויינען מיט אזויפיל השתוקקות צום אויבערשטן און זיין צעבראכן מיט א שבירת הלב [- נישט מיט קיין עצבות[מ]] אויף וואס עס איז אויף אים איבערגעאנגען, ממש עס האט נישט קיין גבול וויפיל טרערן א איד וואלט געגעבן אויף דעם!

---

**לח.** ליקוטי מוהר"ן, אות ד', וז"ל: כל אחד מישראל הוא חלק אלוק ממעל, ועיקר האלקות בלב. **והאלקות שבלב איש הישראלי הוא בחינת אין סוף, כי אור להביותו הוא עד אין סוף, היינו אין סוף ואין תכלית לתשוקתו.** ולפי גודל ההתלהבות הלב של איש הישראלי שהוא עד אין סוף, לא היה אפשר לו לעשות שום עבודה, ולא היה יכול לגלות שום מידה טובה. כי מגודל התלהבותו עד אין סוף, אינו יכול לעשות שום דבר. שזהו בחינת מה שבתחילת הבריאה לא היה מקום לבריאה, מחמת שהיה הכל אין סוף כנ"ל. כי בריאת העולמות, הן הן המידות כנ"ל. ועל כן בהכרח צריך האדם לצמצם אור התלהבות לבו שהוא עד אין סוף, כדי שיוכל לעבוד את השם בהדרגה ובמידה. כי השם יתברך רוצה בעבודתנו, שנעבוד אותו בעבודות ובמידות טובות, שזה אי אפשר כי אם על ידי הצמצום כנ"ל.

**לט.** [עיין שיש"ק (ברסלב, ישן) ח"ג, אות של"א: פעם כשבאו שני אברכים חשובים להרב מטשערין לשאלו פירוש במה שאומר רבינו בתורה מ"ט חלק א', מענין לב איש הישראלי שבוער עד אין סוף וכו' עיין שם, כי היה להם איזה ויכוח בפירוש הדברים. נענה הרב בעצב ואמר להם: פעם כשהיו שומעים דיבור כזה היו שומעיו בוערים ויוקדים לשם יתברך, וכיום שואלים מה הפירוש!; "**אמאהל אז מ'האט געהערט אזא דיבור האט מען געברענט און גיפלאקערט צו השם יתברך, און היינט פרעגט מען שאלות!**"]. עיין עוד בחיי מוהר"ן אות קט"ז מגודל ההתעוררות שהיה שם אחר אמירת תורה זו.

**מ.** עיין שיחות הר"ן אות מ"א: **לב נשבר ועצבות אינו ענין אחד כלל.** כי לב נשבר הוא בלב, אבל עצבות הוא בא מן הטחול. ועצבות שהוא מהטחול היא סטרא אחרא והקדוש ברוך הוא שונא אותה. אבל לב נשבר היא חביב לפני השם יתברך, **כי לב נשבר יקר מאד מאד בעיניו יתברך.** גם עיין שם, אות מ"ה: **אחר לב נשבר בא שמחה, וזה סימן אם היה לו לב נשבר, כשבא אחר כך לשמחה.**

## מיר האבן איין עצה!

למעשה זענען מיר זייער צעקלאפט, זייער צעבראכן, זייער צעטומלט, יעדער איינער איז פארבונדן מיט דעם בעל דבר'ס עצות מיט אַן אנדער קשר. מען דארף אבער וויסן, דער עיקר וואס דער רבי האט געגעבן אזויפיל חיזוק און צו דעם אזויפיל עצות, וויילליידער אז עס קומט צו א זמן פון יראה ופחד האבן מיר נישט קיין כוחות צו סובל זיין, מיר קענען דאס גאר נישט סובל זיין.

ווען מען זאל באקומען דעם פחד וואס מען דארף ווען האבן ראש השנה און יום כיפור וואלט מען אריינגעפאלן אין מרה שחורה פון פחד. מיר האבן נישט ליידער די כלים צו דעם, מיר האבן נישט די כלים צו דעם, ממש עס איז דאך איום ונורא!

צדיקים האבן געזאגט[מא], דאכט זיך, ווען מען בענטשט ראש חודש אלול – אז די פיש אין ים ציטערן! מיר זענען אינגאנצן פארטומלט, אינגאנצן פאר'סמ'ט.

איין זאך האבן מיר, איין זאך האבן מיר, די עצות פון דעם הייליגן רבי'ן! דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א כח הדיבור - **קוק נישט!**

**קוק נישט!**

**א סוד הדיבור!**

עס איז דאך מקובל אין דער וועלט בכלל[מב], בפרט ביי אונזערע לייט, מען פלעגט אזויפיל זאגן אלול, אזופיל זאגן, עס האט נישט

---

**מא.** עיין ספר 'אור ישרים' דף ע"ז.

**מב.** עיין כף החיים או"ח סי' תקפ"א: יותר טוב בימים אלו להרבות סליחות ותחנונים עם הציבור מללמוד, (הרב טור ברקת). וכן ראיתי לקצת רבנים שתמיד היו עסוקים בגופי הלכות ובחיבורים ובחודש אלול היו מניחין קצת מסדרם ללמוד גירסא ותחנונים, (ברכי יוסף אות ו', שערי תשובה שם). **ויש נוהגין ללמוד התיקונים של הזוהר בימים אלו דהיינו להתחיל בראש חודש אלול ולסיים ביום הכפורים.** עיין גם בספר אלף המגן על מטה אפרים סי' תקפ"א ס"ק י"ז.

קיין גבול! חוץ וואס מען האט געזאגט "תיקונים"[מג] און "תנ"ך"[מד], האט מען אזויפיל געזאגט, אזויפיל געזאגט.

מען דארף גלויבן אז מיט די דיבורים איז מען מגלה דעם רבונו של עולם - 'יא! דאס בין איך! צו דעם בענק איך! דאס איז עס!'; איי, איך פיל נישט? אבער דארטן בין איך בפועל ממש! עס גייט מיר גארנישט אָן צו איך שפיר צו איך שפיר נישט.

"תיקונים" איז דאך 'רזי דרזין' - עס דערלאנגט דאך דער תיקון של כל הבריאה כולה און דעם תיקון פון יעדן איינעם![מה] דער רבי האט דאך געזאגט[מו]: **"אלפים ורבבות ספרים וועט נישט מספיק זיין לבאר את ספר התיקונים!"**.

## דווקא ווייל דו פארשטייסט נישט!

מען קען דא האבן אזעלכע שרשים דורך דאס פשוט דורכזאגן - דווקא ווייל דו פארשטייסט נישט. דער חיד"א זאגט[מז], חוץ וואס

---

**מג.** עיין שיחות הר"ן אות קכ"ז: פעם אחד היה מדבר מענין אלול. ואמר: שמה שנוהגין לומר תיקונים באלול, שמהניגון של התיקונים, וגם מהחלישות הלב שיש לכל אחד אז מחמת שכל אחד מתאחר אז בבית המדרש יותר מרגילותו, מכל זה נעשה דברים עליונים ותיקונים גדולים למעלה!.

**מד.** עיין שיחות הר"ן, אות רנ"א: **בימי אלול ועשרת ימי תשובה וימים נוראים עד הושענא רבא צוה לכמה אנשים לומר אז כל ספרי תנ"ך מתחילתם ועד סופם.** וגם הוא בעצמו נהג כך כמה פעמים. גם היה גומר כמה ספרים בימים הללו, ואיני זוכר לבארם היטב.

**מה.** עיין פרי צדיק פר' שופטים אות ח': רשב"י גילה ופתח הע' פנים שבמילת בראשית **שעל ידי זה יהיה ביכולת האדם לתקן כל מה שעבר עליו על ידי תשובה ... ולכן נוהגין ישראל ללמוד בספר התיקונים בחודש אלול ועשרת ימי תשובה** שאלו המ' יום הם ימי רצון שאז ניתן הלוחות שניות למשה רבינו ע"ה עם כל הדברי תורה כדי לתקן הרב כעס.

**מו.** עיין שיחות הר"ן, אות רפ"ה: **ועל ספר התיקונים לבד לא יספיקו אלפים ספרים לבאר עוצם ריבוי הסודות שיש שם**, אשר לא יכילם העיון, כידוע לכל גדולת קדושת התיקונים הקדוש, אשר כל עורות אילי נביות לא יספיקו לבאר סודותיו ורמיזותיו וכו', וכו' עיין שם.

**מז.** עיין "עבודת הקודש" מורה באצבע, סימן ב, אות מ"ד: **לימוד ספר הזוהר מרומם על כל לימוד, בשגם לא ידע מאי קאמר, ואף שיטעה בקריאתו, והוא תיקון גדול לנשמה,**

דער לימוד הזוהר איז דער העכסטער לימוד, האט עס גאר נאך א מעלה, וויבאלד מען פארשטייט נישט, דערפאר דערלאנגט דאס אין 'אין סוף'! ווייל עס איז דאך 'אין סוף' און עס קומט פון 'אין סוף', דעריבער דערלאנגט עס אין 'אין סוף'! - און מיר האבן דעם זכות דאס דורכצוזאגן!

עס איז מגלה - '**רבונו של עולם דאס בין איך!**' אז נישט וואלט מען עס נישט געגעבן. מען האט עס געגעבן דייקא בדור האחרון - אזוי ווי עס שטייט אין זוהר און תיקונים[מח] - און איך קען עס איבערזאגן און איך זאג עס איבער - ווייל דאס בין איך! די אלע גרויסקייטן, די אלע השגות - אלעס בין איך; ווען עס האט ווען נישט קיין שייכות צו מיר וואלט מען עס אונז נישט געגעבן!

דאס איז א גילוי 'מעמקי עמקי לבבינו' צום רבונו של עולם צו וואס מיר בענקען און וואס מיר ווילן 'פשוטו כמשמעו'! עס ווערט דורכדעם געטון תיקונים נפלאים בלי ספק כלל!

כל שכן אז מען לערנט דאס 'על דעת' די צדיקים, האט מען די אלע תיקונים. ווייל רבי שמעון בר יוחאי אז ער פלעגט דורכזאגן א תיקון פון בית המקדש צו א תיקון פון דער מרכבה פון יחזקאל צו סיי וואספארא תיקון, איז געווארן דעמאלט דער תיקון אזוי ווי עס פלעגט זיין (בזמן שביהמ"ק קיים) וואס עס פלעגט אריינשיינען תיקונים אין אלע עולמות, אזוי איז דאס געווארן נאכאמאל מיט רבי שמעון'ס דיבורים.

דער דרוש איז געוועזן למעשה, "**אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט דמי**"[מט], זיין אמירה אליין איז געוועזן די תיקונים ממש! ער האט

---

לפי שהגם דכל התורה שמותיו של הקדוש ברוך הוא, מכל מקום נתלבשה בכמה סיפורים, ואדם הקורא ומבין הסיפורים נותן דעתו על פשט הפשוט, **אבל ספר הזוהר הן הסודות עצמן בגלוי, והקורא יודע שהם סודות וסתרי תורה, אלא שאינו מובן מקוצר המשיג ועומק המושג.**

**מח.** עיין זוהר נשא 'רעיא מהימנא' דף קכו ע"א.

**מט.** קידושין כח ע"ב.

אריינגעשיינט אין דער בריאה אזעלכע תיקונים אזוי ווי ער איז יעצט אין בית המקדש, צו אזוי ווי יחזקאל שטייט ערשט און הערט פון דעם אויבערשטן זיין נבואה, און אזוי 'כהנה וכהנה' וואס עס שטייט אין תיקוני זוהר 'בלי גבול ובלי ערך'.

ממילא, דאס איז וואס דער רבי האט אונז געגעבן צו דערהערן - **'זאג, זאג, קוק נישט, קוק נישט!'** אז דו האסט דאס ארויסגערעדט - דאס איז דאס, דאס איז דאס, מען ווערט בטל צו דעם דיבור!

מען ווייסט טאקע גארנישט, מען ווייסט דווקא גארנישט ממש, אבער 'תמימות' דערלאנגט! דאס איז א חכמה נפלאה פון דער תורה הקדושה אז די תמימות פון א אידן דערלאנגט 'בסוף מעשה' - כאטש איך פארשטיי דאך גארנישט און איך ווייס גארנישט - אבער מען ווערט מקושר צו דער 'מחשבה תחילה'![נ].

ממילא קען יעדער איינער צוקומען צו השם יתברך, יעדער איינער קען אנפולן דעם אלול מיט די ימים נוראים און אלעס ממש ווי עס דארף צו זיין; איי, איך פארשטיי נישט? אבער איך האב אמונה!

אמונה דערלאנגט 'בלי גבול ובלי ערך'![נא].

---

**נ.** עיין 'דרך כוכב' (תורה א') וז"ל מורינו שליט"א: **לכן הדרך הישרה, לכל מי שרוצה להתקרב אל ה' – לא להתחיל בחכמה אלא באמונה.** אותה החכמה שמעניקים מן השמים לאחר האמונה ולאחר התמימות, היא החכמה הנכונה והאמיתית, החכמה המאירה כשמש, שעל ידה מתקשרים לה' יתברך והיא המאירה לאדם את כל דרכיו בכל ימי חייו עלי אדמות. אבל לא לפתוח את תחילת העבודה עמה.

לכן הצדיקים הקדושים, אשר ככל באי העולם הזה הבנוי בהכרח מעליות וירידות, מחוייבים גם המה לעבור עליות וירידות, הצדיקים הללו בעת הירידה, כשלא האירה להם השגת האלקות נשארים לעמוד על משמרתם הקדושה, בתמימותם הגדולה, בתמימות גדולה ונפלאה, בתכלית התמימות באופן שלא ניכר שום הבדל מלפני הירידה ובשעת הירידה ולאחריה, תמיד דבקים היו בה' באותה מידה; עם ההשגות אלקות וגם בלעדם.

**נא.** עיין 'דרך כוכב' (שם) וז"ל מורינו שליט"א: וזהו כלל כדול ונחוץ ביותר: אנשים מבקשים חכמות ועניינים בדרך העבודה. מי לנו גדול ממוהרנ"ת זי"ע בגודל ביטולו לרביה"ק לקיים כל דבירו ודיבור של רבינו הק', וגם כל רמז ותנועה ששמע וראה אצל רבינו קיים עד כדי מסירות נפש, כידוע מכל אשר עבר על מוהרנ"ת בימי חייו הקדושים, אעפ"כ הוא הבין כי

## נאך קיינמאל נישט געהאט אזא נחת רוח!

דארף מען זיך טאקע מתגבר זיין פון די גרויסע טירדות וואס עס טוט זיך ביי אונז, מען פארט, מען קומט - וויסן אריינצוכאפן יעדע רגע, יעדע רגע, אזוי ווי מען האט געזאגט: "ציטערן אזוי ווי פיש ציטערן!" מען זאל נישט פארשלאפן די טעג! ווען מען ווייסט דאס, וואלט מען נישט געקענט בטל'ען קיין רגע - מען דארף דאך טון און טון, ארויפשיקן דיבורים - ארויפשיקן דיבורים 'לגורלינו הנצחי'.

מען דארף זיך פירן בחיצוניות אפילו ווען מען שפירט נישט; מען דארף זיך שפירן אזוי ווי מיר וואלטן געהאט אהבה, אזוי ווי מיר וואלטן געהאט יראה, מיר דארפן גלויבן אז דאס איז דאס! עס איז נישט אליינס, דער דור איז גורם, די עוונות האבן גורם געווען פארוואס מיר זענען אין אזא מין העלמה.

אבער מען דארף וויסן, אדרבה, דאס אליין וואס מיר האלטן זיך ביים בורא עולם מיטן דיבור און מיר ווילן נישט אפלאזן, "**אֲחַזְתִּיו וְלֹא אַרְפֶּנּוּ**"[נב], אט דאס איז א מין נחת רוח פארן אויבערשטן וואס ער האט עס קיינמאל נישט געהאט - מיר זאלן אים דינען אזוי טרוקן, אזוי טרוקן!

## טריקענערהייט

דער זוהר הקדוש זאגט[נג]: "**וְהַמַּשְׂכִּלִים יַזְהִרוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ**"[נד]; זאגט ער, "והמשכילים" - דאס איז די אותיות. אַן אות אָן א נקודה איז

---

המדריגה הנעלה ביותר להשיג הכל היא האמונה והתמימות הפשוטה.
הרה"ח רבי לוי יצחק בענדער ע"ה היה חוזר תמיד על האימרה שיצאה מפה קדוש מוהרנ"ת זי"ע: כמה שהתמסרתי לרבינו לקיים את כל דבריו, אבל אם יצאתי ידי חובתי בתמימות שרבינו דרש מאתנו, זאת איני יודע... כי ככל הנראה זאת היא מהעבודות הקשות שבמקדש. כי אכן זהו השער הראשון בדרך עבודת האמונה שהיא המדריגה הראשונה בממלכת הביטול! זה השער לה'!

**נב.** שיר השירים ג, ד.

דאך 'כגוף בלי נשמה'. אבער אז מען זאגט די אותיות, דערוועקט מען די אותיות, דערוועקט זיך דער נקודה, עס דערוועקט זיך דעם תענוג פון 'נפשי רוחי ונשמתי' - און העכער פון 'נפשי רוחי ונשמתי', ווייל מען ווערט מיט דעם פארבונדן בכח וואס מען זאגט.

בפרט אז מיר זענען זוכה צו וויסן פון דעם הייליגן רבי'ן וואס ער האט דעם ריכטיגן דעת - און מען פארלאזט זיך אויף זיין דעת; אז א מענטש טוט עס (על דעת הצדיקים), איז עס כמעט אזוי ווי די גרעסטע צדיקים טוען עס! עס איז קיין ספק נישט אז אויב מען איז זיך מבטל צו א צדיק און מען ווייסט אז מען טוט עס 'על דעתו', האט מען זיינע השגות![נה]

מען דארף טון אין 'עשה טוב' בכל עת ורגע, אפילו טרוקענערהייט, בפרט אין די ימי אלול. עס זענען דא וואס זאגן "תיקונים", עס זענען דא וואס זאגן גאנץ "ליקוטי תפילות", און פון תהלים רעדט מען דאך שוין אפילו נישט, עס איז א געוואלד![נו]

---

**נג.** תיקוני זוהר דף ד' ע"א, ועוד.

**נד.** דניאל יב, ג.

**נה.** עיין שיחות הר"ן אות רצ"ו; גם עיין באריכות בליקוטי הלכות הל' העושה שליח לגבות חובו ה"ג, אות ד'; גם עיין באר מים חיים פר' ויצא ד"ה ויחלום; גם עיין אגרא דכלה - פר' נח: **"וכן קבלנו בכל עשיית המצות לומר 'על דעת הרשב"י והאר"י ז"ל ועל דעת כל הצדיקים' כנודע"**; גם עיין שם פר' לך: **"כמ"ש כמה פעמים בקבלה מהצדיקים, שמי שאינו יודע לכוין בסודות עליונים, יאמר בפה מלא בעת עשיית המצות, על דעת הצדיקים"**.

**נו.** עיין ליקוטי מוהר"ן תנינא סי' ע"ג: וזה שאנו רואין, שבימי תשובה, דהיינו באלול ועשרת ימי תשובה, כל ישראל עוסקין אז באמירת תהלים, כי אמירת תהלים **מסוגל** לתשובה כנ"ל. ועל כן הוא דבר גדול מאד לעסוק תמיד באמירת תהלים, כי תהלים הוא התעוררות גדול מאד מאד להשם יתברך, אשרי שיאחז בו.

עיין עוד 'אוסף אמרים' (אמונה ותפילה מאמר ט') וז"ל מורינו שליט"א: והנה כל הנאמר כאן, כל העצות הנפלאות המועילות שבכוח הנפלא של התפילה, הכל באשר לכל, גנוזים בתוך ספר התהלים שהעניק לנו דוד המלך ע"ה... התהלים הוא אוצר שמכיל את הכל; דיבורי אמונה, זעקה ושוועה להשי"ת, תפילות חמות ביותר להנצל מצרות בגשמיות וברוחניות, הילולים ותשבחות להשי"ת.

מיר האבן אַן עצה פשוטה וגבוה מאוד! די אותיות (התורה) איז אראפגעקומען מגנזי מרומים וואס נאר הקדוש ברוך הוא בעצמו ווייסט דער סוד פון דעם!

## זיך אנהאלטן אין דעם שטריק

מיר האבן דעם "**יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ**"[נז]; אז מען האלט זיך ביים סוף חבל איז מען מקושר אין דעם אנהויב חבל[נח]. דער רבי אליין רעדט פון דעם ענין פון 'חבל'[נט] - זיך האלטן ביים חבל! זיך האלטן אַווי דו קוקסט אויס – זיך האלטן ביים חבל! יעדע ריר דערלאנגט א געוואלד! יעדע 'סור מרע' און יעדער 'עשה טוב' דערלאנגט

---

פתח פיך ותן תודה לאביך בוראך; זמר, הלל ושבח את יוצרך, על ידי ההילול אתה מכה כאן והם נופלים ונכרתים בכל מקום שהם, אינך עורך עמם מלחמה פנים אל פנים – אבל הם נופלים ונכנעים וכלים מאליהם, הכל בכוח התשבחות וההילולים להשי"ת.

רצונות וכיסופים... כמה מעיינות של רצונות וכיסופים ממלאים את דפי התהלים; ביטויי רצונות וכיסופים להשי"ת... שכאמור הם תיקון גדול ונפלא שאין כמוהו לבער המחשבות הזרות מהמח, הכנס את כל רצוניך וכיסופיך תוך כדי אמירת התהלים, והם תקוותיך וישועותיך לנצח.

**נז.** דברים לב, ט.

**נח.** עיין זרע קודש פר' ויגש: כי "יעקב חבל נחלתו", ומי שאוחז בחבל למטה [מנענע] החבל למעלה אף שהוא ארוך הרבה מאוד וזה האוחז רחוק הרבה מראש החבל, עם כל זה על ידי אחיזתו מנענע למעלה, ולכן אף שאמת שאני בבחינה התחתונה מאוד, מ"מ כיון שאני בכלל בני ישראל, יש לי כח לעורר על ידי תפלתי כל העולמות, ויעשה לי השי"ת בקשתי ויקבל השי"ת נחת רוח מתפלתי.

**נט.** עיין סוף ספה"ק סיפורי מעשיות בשיחות שאחר סיפו"מ - מעשה מהצדיק שנפל לעצבות וכו' עיין שם, ומסיים שם בזה"ל: נמצא שאין שיעור להריחוק שנתרחק שם בעולמות עליונים, על ידי הריחוק כל שהוא, אפילו פחות מחוט השערה שנתרחק והלך ממקום שהיה בתחילה. כי אף שבכאן בהארץ התחתונה לא נתרחק, והלך רק פחות מחוט השערה, שבעיניו לא נתרחק כלום. כי זה אי אפשר לשער, רק השם יתברך, עם כל זה, שם בעולמות עליונים נתרחק כמה וכמה אלפים עולמות ופרסאות. מכל שכן וכל שכן כשאדם הולך פרסה או כמה פרסאות בעבודת השם, "עין לא ראתה" וכו'. עיין גם ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ה, אות כ'.

געוואלדיגע תיקונים למעלה למעלה גבוה מעל גבוה! מען דארף דאס גאר שטארק וויסן, דאס איז נישט קיין קלייניקייט!

מיר האבן זיך גארנישט וואס גרויס צו האלטן, אבער מיר האבן דאך א מתנה אז מיר זענען אידן, "יעקב חבל נחלתו", מיר זענען דאך "מזרע יעקב אשר בחרת", דער אויבערשטער האט אין אונז בוחר געווען איידער דער בריאה כולה, אונז און די תורה קומען פון איין פלאץ[ס].

ווען מען לערנט תורה ווערט מען נכלל אין דער תורה הקדושה - און דאס איז אלץ מיטן דיבור! דאס קען יעדער איינער - יעדער איד קען האלטן א תהלים'ל און א תיקוני זוהר און זאגן און זאגן.

## רופן דעם אויבערשטן ביים נאמען

מען האט לעצטנס גערעדט, יעדער איינער זאל פשוט נאכאנאנד אויסרעכענען די אגדות חז"ל'ן, "**רצונך שתכיר מי שאמר והיה העולם? למוד אגדה!**"[סא]; אז מען לערנט אגדה - דא רעדט מען פון שמירת עינים, דא רעדט מען וועגן תפילה בציבור, עס איז בלי גבול די מידות וואס עס טוט זיך אפ - דער חומר הגאוה וואס איז בלי גבול און די מעלה פון ענוה - מען וועט זען אז דאס לערנען וועט נכלל ווערן אין אים.

דער רבי זאגט[סב]: "**על ידי התורה קורין להקדוש ברוך הוא!**". אז איך לערן נאר א מידה פון חז"ל פון 'סור מרע' צו 'עשה טוב', האב

**ס.** כמ"ש בזוהר פר' אחרי דף ע"ג ע"א: קוב"ה ואורייתא וישראל חד.

**סא.** ילקוט שמעוני דברים יא, רמז-תתעג: דורשי רשומות אומרים רצונך שתכיר מי שאמר והיה העולם, למוד אגדה, שמתוך כך אתה מכיר את הקב"ה.

**סב.** ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ו, אות ג', וז"ל: אורייתא שמא דקודשא בריך הוא (תקון י' דף כ"ה:); וכמו כשצריכין לקרות את אחד קורין אותו בשמו, כן כשצריכין לקרות את חי החיים, כדי להמשיך ממנו חיים ואריכות ימים, צריך לקרות אותו בשמו כביכול, ושמו הוא התורה כנ"ל ... ועל כן צריך לעסוק בתורה בפה דייקא, כי כשצריכין לקרות את אחד בשמו צריך לקרותו

איך מיט דעם אליין געבעטן דעם אויבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו דער 'סור מרע' אדער צו דעם 'עשה טוב' - איך האב דאס געבעטן פון דער תורה הקדושה, וואס דאס רופט זיך אז איך בין 'קורא בשם השם', ווייל דאס איז דער שם ה', מיט דעם ווערט מען מקורב צום אויבערשטן!

דאס איז א סוד נפלא וואס דער רבי האט מגלה געווען - 'על ידי התורה קורין להקדוש ברוך הוא'!

רבי צדוק מלובלין זאגט א שיינע רַאיה[סג]; פון וואנעט לערנט מען ארויס אז מען דארף זאגן ברכת התורה? פון "**כִּי שֵׁם ה' אֶקְרָא הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹקֵינוּ**"[סד]. לכאורה, עס שטייט דאך נישט דארט אויף צו לערנען, עס שטייט נאר "כי שם ה' אקרא"? נאר די תורה הקדושה איז "שם ה'", די תורה איז הוילע שֵמות, הוילע שֵמות.

לעתיד וועט מען זיין דבוק בזיו השכינה דורך די שמות וואס מען האט געלערנט, וואס היינט איז עס מלובש אין די הוויות דאביי ורבא (וכדו').

## די בעסטע וויטאמינען

על כל פנים, מען רעדט טאקע פון דער תורה פון "ויחלוש את יהושע"[סה]. עס איז ביי מיר נישט קיין שום ספק - וואס

---

בפה דייקא, ואי אפשר לקרותו בשמו במחשבה בעלמא. כן אי אפשר לקרות את חי החיים בשמו, כי אם על ידי הפה, ולא על ידי המחשבה לבדה. וזה שאמרו חז"ל (ערובין נ"ד): "כי חיים הם למוצאיהם" - 'למוציאיהם בפה'. למוציאיהם בפה דייקא, שעל ידי זה זוכה לחיים כנ"ל.

**סג.** עיין "פרי צדיק" על סוכות, אות מ"ה: 'אורייתא כולא שמא דקודשא בריך הוא', כמו שקורין את האדם בשמו להכיר על ידי זה את עצמותו. וכמו כן על ידי קריאת התורה באים על אמיתות השגחתו יתברך. וכאמרם ז"ל (ברכות כא.) **מנין לברכת התורה? שנאמר, 'כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלהינו', שעסק התורה הוא קריאת שמו יתברך.**

**סד.** דברים לב, ג.

**סה.** ליקוטי מוהר"ן סי' ו' הנזכר לעיל בתחילת השיעור המדבר מסוד כוונת אלול.

דער רבי רעדט איז כלול מכל התורה כולה בנגלה ונסתר![סו] דערפאר איז רעכט, אויב מען זאל נעמען אלע חז"ל'ן פון עניוות און גאוה, איז עס מרומז אין אט דער תורה בלי ספק כלל, בלי ספק כלל! ממש אזוי ווי מען זאגט: "ודוק" - וועסטו זען אז דאס איז דאס!

דער רבי רעדט פון שרשי התורה![סז]

מען דארף וויסן, אז מען לערנט דעם הייליגן רבי'נס דיבורים זענען מיר דבוק אין דער גאנצער תורה הקדושה!

מען דארף טאקע אסאך לערנען די אגדות חז"ל'ן אויף מידות. מען זאל לערנען דעם עמוד היומי אין ליקוטי מוהר"ן מיט דער תפילה[סח] מיט די אגדות חז"ל'ן דערויף - עס מעג נעמען א שעה צו א דריי-פערטל שעה א טאג וואס מען זאל עוסק זיין אין דעם! דאס איז א גוטע שעה - א שעה וואס מען נעמט איין די בעסטע וויטאמינען וואס היילט אלע איברים און אלע גידים![סט].

---

**סו.** עיין שיחות הר"ן קל"א: כל דבריו ז"ל הם כלליות גדול, **וכל תורה ותורה כלול מכל התורה כולה**, ומכל בני אדם שבעולם בכל דרגה ודרגה, מן תכלית קצה העליון עד תכלית קצה התחתון. היינו שעם כל תורה ותורה ושיחה שלו יכול לעבוד את השם יתברך הגדול במעלה בתכלית המעלה, וכן אפילו הקטן והפחות בתכלית דיוטא התחתונה יכול גם כן לשוב להשם יתברך ולמצוא עצות לנפשו על ידי אותה התורה בעצמה, כי הם כלליות נפלא מאד. גם עיין שם אות ר"א: אמר, **כל תורה ומאמר שאומר יכולין לילך ולעבור בו כל תורה נביאים וכתובים, ותורה שבעל פה.**

**סז.** עיין חיי מוהר"ן, אות רפ"ז: שמעתי ממנו בחורף תקס"ג בתחילת ההתקרבות שאמר שיודע שרשי התורה ממקום שהתורה הקדושה באה. כי יש שרשי התורה שהיא למעלה מהתורה שמשם נמשך כל התורה, ואינו יכול להתלבש כלל בתוך התורה, ויש שהיא בבחינת אסמכתא שהיא רק בדרך אסמכתא בעלמא נסמך על המקרא, מחמת שהוא גבוה ומרומם מאד.

**סח.** מספה"ק ליקוטי תפילות, המיוסד ע"פ התורות והמאמרים בליקוטי מוהר"ן.

**סט.** עיין חיי מוהר"ן אות ש"צ: ועל ידי תורתו הקדושה המשיך רפואות ותיקונים והמתקות לכל הענינים שבעולם, בכלליות ובפרטיות ברוחניות ובגשמיות. עיין שם משל נאה בענין זה שסיפר רביז"ל.

**ער קומט ווי א תלמיד חכם...**

עס גייט אַן אלול; עס איז נישט קיין ספק, אז א מענטש וויל זיך נעמען צו עבודת השם, איז צו יעדן איינעם קומט דער בעל דבר - 'דו ביסט שוין סייווי גארנישט ווערד, עס איז נישט ווערד דיין לערנען, עס איז נישט ווערד דיין דאווענען'. און כל שכן אז מען וויל שטארק תשובה טון, (אזי מסיתו:) 'ווי קענסטו פאררעכטן? וואס? דו קענסט פאררעכטן? - דו ווייסט (ממילא) נישט קענען פאררעכטן, זינדיג ווייטער!' - רחמנא ליצלן! דער בעל דבר האט דאך אנגעגרייט גאנצע פעק, ער האט דאך אזויפיל עצות[ע].

עס שטייט ביי יעקב אבינו (על שרו של עשו בעת האבקו עמו)[עא]: "נדמה לו כהר", "נדמה לו כתלמיד חכם". דער בעל דבר ווערט א תלמיד חכם - ער ווייזט אים מיט לומדות - 'דו ביסט פארלוירן', ער טוט אלע פעולות.

דער בעל שם טוב זאגט[עב]: **"שוחט משום מה מחייב? משום צובע!"**; דער שוחט דעלמא (- השטן), ער איז צובע - ער נארט

---

**ע.** עיין ליקוטי הלכות הל' פסח ה"ט, אות כ"א: התואנות והעלילות שהבעל דבר מוצא לכל אדם רבו מספר, ולכל אחד מוצא עלילות מיוחדות רובם על ידי חסרון פרנסה ומניעות המונעים וכו. אך אף על פי כן כל אחד מישראל נפשו מרה לו מאד על זה, כי יודע שיצטרך לתן דין וחשבון, ועל כן מתגבר בו הטוב בכל פעם ומתעורר לשוב להשם יתברך. **אך בשום דבר אינו מוצא לעצמו עלילה ופטור כל כך כמו על ידי התחבולה הנ"ל של הבעל דבר שמפילו בדעתו בכל פעם ומראה לו כאילו אפס תקוה חס ושלום, כי רואה בעיניו שכבר חתר כמה פעמים לשוב להשם יתברך ונפל אחר כך כל אחד כפי מה שנפל וכן היה כמה פעמים בלי מספר.** ועל כן הוא פטור כבר בעיני עצמו מלחתור עוד חתירות לשוב להשם יתברך. **אבל באמת כל הרעיונים והמחשבות של נפילות כאלו הם רק מעשי בעל דבר שמוצא לו עלילה לפרוש מאחרי המקום כנ"ל, כי באמת אין שום יאוש בעולם כלל וכל אדם צריך שיעבור עליו הרבה הרבה קודם שזוכה להיכנס אל הקדושה.**

**עא.** חולין צא.

**עב.** עיין בן פורת יוסף דף קכ"ז ע"א, וזל"ש: שמעתי ממורי פירוש הש"ס (שבת עה.) **שוחט משום מה מיחייב? משום צובע**, וחד אמר משום נטילת נשמה, ופריך משום צובע וכו' אלא אף משום נטילת נשמה. **כי היצר הרע נידון לעתיד** (סוכה נב.), **וקשה, הא לכך נברא? וצריך לומר שבשביל זה נענש, שעושה עצמו ליצר טוב** וכו'. ובזה יובן, השוחט דעלמא

אפ דעם מענטשן; דער מענטש מיינט אז ער הערט לומדות, אבער ער הערט גאר ריחוק פון השם יתברך; ער מיינט עס איז דער יצר טוב - עס איז גאר דער יצר הרע[עג].

דער הייליגער רבי האט גערעדט אנטקעגן ממש פאר די היינטיגע נפשות, פאר די היינטיגע תקופות, ממש בדיוק ווי מיר קוקן אויס; יעדער איינער ווי ער קוקט אויס האט דער רבי תיקונים פאר אים, מען דארף נאר האבן אמונה און גלויבן אז דער רבי גיט אין זיינע ווערטער חיות לעולמי עד ולנצח נצחים!

## 'יהיה איך שיהיה' - נישט אפלאזן תפילה!

מען זעט, עס איז דא חז"ל'ן וואס כמעט מען דערהערט עס נישט, אבער דער רבי האט עס אזויפיל מבאר געווען - עס איז נאר א חז"ל. עס שטייט טאקע אין ספרי[עד], אלע נביאים האבן גערעדט פון תשובה, אבער קיינער האט נישט גערעדט 'ווי אזוי' צו תשובה טון, ביז עס איז געקומען הושע און ער האט געזאגט[עה]: **"קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה'!"** - 'רעד!'[עו]

---

חייב, וקשה, הא לכך נברא? ומשני, משום צובע, שהוא צובע עצמו בדמות יצר טוב, ועל ידי זה נוטל נשמה, ופריך וכו', ומשני, אף נטילת נשמה, ודפח"ח.

**עג.** עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ד, אות י': ובאמת גם זה הוא תחבולות הבעל דבר וגם זהו בחינת מה שמבואר בהתורה הנ"ל (ליקוטי מוהר"ן סי' א') שהבעל דבר מתלבש את עצמו במצוות שמכניס בלבו התרשלות וחלישות על ידי המצוות והיראה שלו שהוא מתלבש בהם כאילו הוא רוצה בתקנתו ומוכיח אותו על ידי שהוא רחוק כל כך, ובאמת כוונתו להרע למנעו ולהחלישו גם ממעט עבודתו שרוצה לעסוק בה.

**עד.** עיין פסיקתא רבתי פרשה מ"ד: דבר אחר, "שובה ישראל", כל הנביאים קוראים לישראל לתשובה אבל לא כהושע. ירמיה אמר 'אם תשוב ישראל נאם ה' אלי תשוב' (ירמיה ד' א'), וישעיה אמר 'דרשו ה' בהמצאו' (ישעיה נ"ה ו'), ולא מלמדים את ישראל מה לומר, **אבל הושע אמר עשו תשובה ומלמדם מה יפייסו על עצמם, 'שובה ישראל עד ה' אלהיך וגו' וקחו עמכם דברים ושובו אל ה'** ואמרו אליו כל תשא עון וקח טוב' וגו'.

**עה.** הושע יד, ג.

**עו.** עיין מדרש רבה פר' תצוה פ' ל"ח, פס' ד': **"קחו עמכם דברים"** (הושע יד), זהו שאמר הכתוב (תהלים כו) "ארחץ בנקיון כפי לשמיע בקול תודה", יכול אף להקריב פרים ואילים,

טראכט נישט קיין סאך! זאג תהלים, זאג ליקוטי תפילות[עז], זאג תיקוני זוהר, זאג, לערן גמרא מיט תוספות, זאג זאג זאג, ווערסטו מגלה זיין אז דו ביסט 'מחֻלקו של הקב"ה', דאס איז תשובה, דאס איז תשובה![עח]

עס איז דא א לשון אין חיי מוהר"ן[עט], אז א מענטש שטימט אפ אז ער וועט תמיד שרייען צום אויבערשטן און כסדר תפילה טון -

---

תלמוד לומר, "לשמיע בקול תודה". לפי שישראל אומרים, ריבון העולם, הנשיאים חוטאים ומביאים קרבן ומתכפר להם משיח חוטא ומביא קרבן ומתכפר לו, אנו אין לנו קרבן. אמר להם, "ואם כל עדת ישראל ישגו" וגו', א"ל, עניים אנו ואין לנו להביא קרבנות, א"ל, דברים אני מבקש שנאמר "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'" ואני מוחל על כל עוונותיכם, ואין דברים אלא דברי תורה, שנאמר (דברים א) "אלה הדברים אשר דיבר משה". **אמרו לו אין אנו יודעין, אמר להם, בכו והתפללו לפני ואני מקבל**; אבותיכם כשנשתעבדו במצרים לא בתפילה פדיתי אותם? שנאמר (שמות ב) ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו ... **הַוֵי איני מבקש מכם לא זבחים ולא קרבנות, אלא דברים, שנאמר "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'"** וכו', עיין שם.

**עז.** עיין במכתב שכתב הרה"ח ר' נחמן מטולטשין תלמידו ומשמשו הנאמן של הרה"ק מוהרנ"ת זצ"ל, מיום ד' עקב תרל"ב, מש"ש בא"ד, וז"ל: אחי ידידי, ימי אלול הקדושים ממשמשים ובאין לחיים ולשלום בגשמיות ברוחניות יזכנו ה' לקיים "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'". אל תקרי דברים אלא דיבורים, דיבורים קדושים להרבות בלימוד התורה ובפרט בנסתרות שבתורה, ספר תיקונים הקדוש, וספר לקוטי מוהר"ן, ותהלים ותפילות, אחוז בהם אחי ידידי והפוך והפוך בהם וסיב ובלה בהם, ובהם יושע בגשמיות וברוחניות שתיכתב ותחתם לחיים טובים חיים מתוקים וכו'.

**עח.** עיין ליקוטי הלכות הל' קריאת שמע ה"ה, אות י"ד: עיקר התשובה על ידי הדיבור, כמו שכתוב (הושע יד), "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'", כמו שאמרו רז"ל (יומא פרק ו), "איני מבקש מכם אלא דברים". והוא בחינה הנ"ל, שעיקר התשובה זוכין על ידי אמירת תהלים, שהוא כולו דבורים קדושים של צעקות ותחינות ובקשות ושירות ותשבחות אליו יתברך, שעל ידי זה זוכין לתשובה כנ"ל. עיין גם שם בהל' חדש ה"ד, אות י'.

**עט.** אות תקס"ה: שמעתי מפיו הקדוש שיחה נוראה מנוראות גדולת הבורא יתברך, ואי אפשר לבארה בכתב. אך אחר כך נכנס על ידי זה לדברי התחזקות, שאפילו אם נפלו למקום שנפלו כל אחד לפי נפילתו רחמנא לצלן, אף על פי כן יחזק את עצמו ואל יתיאש עצמו לעולם. כי גדולתו יתברך שגבה מאד למעלה מהתורה ששם יכול הכל להתתקן וכו', כי תשובה למעלה מהתורה. ושאלתי אותו, אבל איך זוכין לזה? והשיב, **יכולין לבוא לזה ובלבד שלא יתיאשו עצמן מן הצעקה ותפלה ובקשה**, רק לעסוק בצעקה ותפלה ותחנה וכו' ולא

יהיה מה שיהיה - איך לאז זיך נישט אפ פון תפילה, דאס איז תשובה! דאס איז שוין תשובה![פ]

**"קחו עמכם דברים ושובו אל ה'!"**

מען מאכט נישט קיין חשבון!

## "שובו אלי" - מיט וואס דו קענסט!

אינ'אמת'ן, דאס איז דאך טאקע דער ריכטיגער פשט פון[פא]: **"שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם"**. ווייל וואס איז דער פשט פון "ואשובה אליכם"? אז עס שטייט "שובו אלי" וועסטו דאך שוין זיין נאנט צום אויבערשטן, וואס איז דער לשון "שובו אלי" און נאכדעם "ואשובה אליכם"?

נאר, דער רבי דרש'נט דאך אפ תילי תילין של הלכות אויף דעם, אז בשעת א מענטש מאכט אפ צו תשובה טון, ווייזט אים דער בעל דבר אויף - 'נע, דו וועסט נישט קענען!'

'דו וועסט נישט קענען!'

'דו וועסט נישט קענען!'

---

יתייגע לעולם עד שיבוא לזה לעלות וכו'. **כי עיקר התשובה הוא צעקה וזעקה להשם יתברך** וכו'. עיין גם בשיחות הר"ן אות ג'.

**פ.** עיין ליקוטי הלכות הל' אונאה ה"ג, אות ב': **עיקר התשובה היא תפילה. כי על פי התורה לא היה להבעל עבירה שום תקנה בעולם**, כמבואר בדברי רז"ל. אבל ה' יתברך חפץ חסד הוא ורוצה בתשובה והקדים תשובה לעולם. **ותשובה היא למעלה מן התורה** ששם בבחינת תשובה נתהפך הכל לטובה וזדונות נתהפכין לזכיות. ועיקר התשובה היא תפילה, כי תפילה גם כן למעלה מן התורה, כמבואר בדברי רביז"ל בכמה מקומות ... **וכל זמן שאין האדם חזק בדעתו שתמיד יקוה לה' ויעתיר אליו אף אם יעבור עליו מה, עדיין אין תשובתו שלימה**, כי מי יודע מה יולד יום? אולי יבוא עליו נסיון או מכשול וכו' ומי יודע אם יעמד בקשרי המלחמה? **אבל אם האדם חזק בדעתו שאפילו אם, חס ושלום, לא יעמוד בנסיון ואפילו אם יהיה איך שיהיה, אף על פי כן יקוה תמיד לה' יתברך בבחינת 'ואציעה שאול הינך', אז הוא בטוח שבודאי יזכה לתשובה שלימה**, כי סוף כל סוף ישוב לה' יתברך מאחר שחזק בדעתו שלא יפול משום דבר שבעולם.

**פא.** מלאכי ג, ז.

איך האב עס שוין אמאל געזאגט, עס ווערט געבראכט, פארוואס האט יונה נישט געוואלט זאגן קיין נבואה אין נינוה? ווייל ער האט געשפירט אז אויב ער וועט מודיע זיין אז אין פערציג טעג ארום וועט נינוה ווערן חרוב, האט ער געשפירט אז עס וועט נישט אזוי זיין, ווייל ער האט געהערט די ווערטער[פב]: "וְנִינְוֵה נֶהְפָּכֶת"[פג]. אבער ער האט נישט גוט געטון, ווייל ווען ער הערט נבואה דארף ער דאס זאגן אפילו קיינער וועט נישט תשובה טון.

רש"י זאגט[פד], (יונה האט נישט געוואלט גיין) ווייל ער האט געזאגט, גוים זענען דאך 'קרובי תשובה', איז אויב די גוים וועלן תשובה טון וועט דאך זיין א קטרוג אויף די אידן - 'גוים טוען תשובה און אידן טוען נישט תשובה'. [דאס איז א מורא'דיגע זאך; דער בעל דבר פארלייגט זיך נאר אויף אונז, נאר אויף אונז, ווייל ער ווייסט ווער מיר זענען, ער ווייסט ווי גרויס מיר זענען!].

על כל פנים, דאס איז דאך א שרעקליכע זאך; וואס הייסט? גוים זענען 'קרובי תשובה' און אידן זענען נישט קיין 'קרובי תשובה'? ווער בענקט דען אזויפיל צום אויבערשטן ווי אידן?

האט יונה הנביא באקומען דעם תירוץ; עס שטייט[פה]: "**וְיָשֻׁבוּ אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וּמִן הֶחָמָס אֲשֶׁר בְּכַפֵּיהֶם**". זאגט דער ירושלמי[פו]: "בכפיהם - ולא בכליהם"; די אלטע גניבות האבן זיי נישט צוריקגעגעבן, נאר די לעצטערע גניבות האט מען אפגעגעבן. אבער

---

**פב.** יונה ג, ד.

**פג.** עיין רש"י שם: נהפכת - נחרבת; (ולא אמר נחרבת, כי נהפכת משמש שתי לשונות, רע וטוב, אם לא יעשו תשובה נחרבת, ואם יעשו תשובה אז נהפכת - על אנשי נינוה קאי - שיהפכו מרעה לטובה ויעשו תשובה, הג"ה דר"ע).

**פד.** יונה א, ג: ומה ראה יונה שלא רצה לילך אל נינוה? אמר, העכו"ם קרובי תשובה הם, אם אומר להם ויעשו תשובה, נמצאתי מחייב את ישראל שאין שומעים לדברי הנביאים.

**פה.** יונה ג, ח.

**פו.** ירושלמי תענית פ"ב, ה"א.

דער אויבערשטער האט אנגענומען דער תשובה - מען זעט דאך אז ער האט אנגענומען דער תשובה.

א איד איז דאך אבער אַן אמת'ער מענטש, ער וויל נישט טון קיין תשובה נאר פון "חמס אשר בכפיהם"; ער מאכט זיך דעם חשבון, 'וועט ער דען קענען אפגעבן? ער וועט דאך נישט קענען אפגעבן!' דאס הייסט, ער איז אַן אמת'ער מענטש, ער נארט זיך נישט - אידן נאַרן זיך נישט; מיט דעם זיך נישט נארן - (רחוקים מתשובה).

דאס איז "שובו אלי" - דו טו וואס דו קענסט, "ואשובה אליכם" - וועסטו זען אז די תשובה וועט דיר ארויסנעמען פון אזעלכע פלאנטערן וואס דו האסט טאקע נישט געקענט - אבער דער כביכול קען; אז דו וועסט טון וואס דו קענסט, וועל איך טון וואס איך קען; דאס איז "שובו אלי ואשובה אליכם"[פז].

## "ואשובה אליכם" - איך גיי דיר אנטקעגן!

עס איז דא א משל[פח], א מלך האט געהאט א זון וואס איז געווען פארווארפן גאר ווייט וואס שוין יָמים ושנים איז ער נאכנישט

---

**פז.** עיין ליקוטי הלכות הל' קריאת שמע ה"ה, אות י', וזל"ש: וזה עיקר התשובה שנזכה אנחנו לשוב אליו יתברך על ידי ההתעוררות שלנו. כי זה הויכוח בין השם יתברך ובין ישראל שהשם יתברך צועק אלינו (מלאכי ג), "שובו אלי ואשובה אליכם", שאנחנו נשוב תחילה, וישראל אומרים (איכה ה), "השיבנו ה' אליך ונשובה וכו'", שהוא ישיבנו אליו וכמובא בספרים ... **כי באמת כל צעקתו יתברך שצועק אלינו שובו אלי וכו', כוונתו זה בעצמו שאנחנו נצעק אליו תמיד "השיבנו ה' אליך וכו'"**. נמצא, שבאמת לאמיתו אין מחלוקת וחילוק כלל בין כנסת ישראל ובין השם יתברך, **רק שאין כל אחד מבין כוונתו הקדושה**. ועיין שם בהמשך באות י"ח: **כלל הדברים, שעיקר ההתרחקות מהתשובה הוא** מחמת שצריכין שאנו נתעורר לשוב אליו, וההתעוררות כראוי קשה מאד, ובפרט למי שכבר נתרחק ועשה מה שעשה, **ואף על פי כן הכל חפצים ליראה שמו יתברך**, אך קשה וכבד להם להתעורר וכולם רוצים שהשם יתברך יעורר אותם ויחזירם למוטב, **אבל כשיודעים ומאמינים בהאמת שהשם יתברך בוחר בזה בעצמו שיהיה רצוננו וחפצנו תמיד להתקרב אליו ושאין אנו צריכין רק ליקח דברים ולשוב אליו, כמו שכתוב** (הושע יד), **"קחו עמכם דברים ושובו אל ה'". ודרשו רז"ל "איני מבקש מכם אלא דברים"** ... מי שידע כל זאת באמת בודאי **בקל ישוב להשם יתברך מכל מקום שהוא** אפילו אם יעבור עליו מה.

צוריקגעקומען. האט אים דער קייסער געשיקט א שליח ער זאל צוריקקומען - 'קום צוריק!', האט ער גענטפערט - 'איך בין אזוי ווייט - איך קען נישט גיין אזוי ווייט!', האט ער אים געזאגט - 'גיי וויפיל דו קענסט - וועל איך דיר גיין אנטקעגן!'.

**"שובו אלי - ואשובה אליכם"**.

די כוונה פון דעם איז: דער בעל דבר קומט אלץ מיט חשבונות - 'דו וועסט נישט קענען!' - פאלג אים נישט - **'וועל איך נישט קענען - אבער דער אויבערשטער וועט מיר העלפן!'** עס פעלט גארנישט פון דעם 'כל יכול'! ער קען ארויסנעמען א מענטשן פון אזעלכע פלאנטערן וואס ער ווייסט נישט פון וואו ער וועט קענען ארויסגיין - **אבער דער בורא עולם קען! דער בורא עולם קען אלסדינג!** [פט]

## "אָנוּ מְלֵאֵי עָוֹן, וְאַתָּה מָלֵא רַחֲמִים"

די וועלט זאגט, עס שטייט[צ]: **"אָנוּ מְלֵאֵי עָוֹן, וְאַתָּה מָלֵא רַחֲמִים"**; אבער דער אויבערשטער איז 'מלא רחמים' מער ווי אונז זענען 'מלאי

---

**פח.** עיין פסיקתא רבתי שם.

**פט.** עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות פ"ד, וזל"ש: ועל כן יקר וחשוב מאד אצל ה' יתברך כל התעוררות והתעוררות של כל אדם מכל מקום שהוא, וכמובא הרבה בדברי רז"ל בגמרא ומדרשים שה' יתברך מבקש מישראל 'פתחו לי כמחט סדקית ואני אפתח לכם' וכו'. כי תיכף שהאדם מתעורר בתפילה ועבודה באמת כל שהוא, מתעורר תיכף אתערותא דלעילא הרבה, כי הבא לטהר מסייעין אותו. ועל ידי זה יש לו כח להתעורר עוד, וכמו כן נמשך אתערותא דלעילא יותר וכו'. גם עיין שם הל' פסח ה"ה, אות ה', וז"ל: וזה בחינת מה שהוא יתברך פושט יד לקבל בתשובה והבא לטהר מסייעין לו, היינו כשאדם חוטא חס ושלום, ואם היה יורד האור כפי הכלי שלו, היה מצטייר האור להיפך בבחינת 'לא זכה' וכו'. ואם כן איך אפשר לו לשוב? אבל השם יתברך מלא רחמים ותשובה קדמה לעולם, והבא לטהר מסייעין לו, היינו שכל אדם כשבא לטהר ולשוב בתשובה אז השם יתברך ממשיך עליו האור בבחינת ברכה מלמעלה כנ"ל. ועל ידי זה נטהר מטומאתו כנ"ל, וזוכה לשוב. וזהו הסיוע דלעילא.

**צ.** סדר וידוי מיום הכיפורים.

עוון'; ווייל וויפיל קען מען שוין זינדיגן, מען איז דאך מוגבל? אבער דער אויבערשטער איז דאך מלא רחמים 'עד אין סוף ותכלית'!

דארף מען דאס טאקע וויסן, ברוך השם, מיר האבן מקבל געווען פון דעם רבי'ן אזעלכע גוטע עצות, בפרט די עצה פון 'דיבור', און די עצה פון 'חיזוק' - נישט אויסהערן דעם בעל דבר - מען דארף עס היינט האבן כאַויר לנשימה!

## געמאכט מיט דער ליפן

ברוך השם, מיר שטייען ערשט אנהויב פון די פערציג טעג; **רבותי! "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'!"** - דיבורים! מען זאל זאגן "תיקונים", מען זאל זאגן ליקוטי מוהר"ן[צא], מען זאל זאגן תהלים; מען דארף ביי זיך האבן א תהלימ'ל צו א "תיקונים" צו א ליקוטי מוהר"ן צו א ליקוטי תפילות אין וואס מען זאל זאגן אין יעדעס איבריגע מינוט - מאך מיט דער ליפן!

דער רבי האט פארציילט א חזיון וואס ער האט געזען[צב]: א זקן איז געלעגן צו געזעצן (- כלומר, שהיה יושב מוטה על צידו, עיי"ש), און ארום אים איז געווען א גרויסער עיגול מיט מענטשן, און ארום דעם איז געווען נאך אַן עיגול, און ארום דעם איז געווען נאך אַן עיגול, און ארום דעם איז געווען נאך אַן עיגול, און נאכדעם איז געווען מענטשן אָן קיין עיגול.

האט דער זקן געמאכט דארט מיט דער ליפן, האבן אלע מיטגעמאכט מיט דער ליפן - האט ער מעלה געווען און מתקן געווען די אלע וואס האבן געמאכט מיט דער ליפן!

---

**צא.** עיין כוכבי אור - ערך 'אנשי מוהר"ן', אות כ"ו-כ"ז: אמר, אמירת ספרי אדמו"ר ז"ל שהם הליקוטי מוהר"ן וספר המידות והסיפורי מעשיות והשיחות שלו, האמירה לבד מסוגלת להנשמה כמו אמירת ספרי הזהר והתיקונים. עוד אמר, שגם בימי אלול הקדושים מצוה לאמרם מתחילתם ועד סופם ומועיל מאד מאד.

**צב.** עיין חיי מוהר"ן אות פ"ג.

מיר האבן אַן עצה פשוטה, מען קען אנפולן אט די טעג פון אלול ביז נאך שמחת תורה. אז מען מאכט דעם תיקון, מאכט מען אלע תיקונים למעלה בלי ספק כלל. דער אויבערשטער זאל אונז טאקע העלפן לאורך ימים ושנות חיים טובים ושנים הרבה.

## "כֵּלִים רֵקִים אַל תַּמְעִיטִי"

(שא עיניך למרום:) '**רבונו של עולם - איך זאג, איך ווייס טאקע נישט וואס, אבער דו ווייסט דאך פארט וואספארא רצונות עס ליגט אין דעם זאגן!**' די תורה איז פול מיט רצון, די תורה איז דאך מקשר דעם אויבערשטן צו כלל ישראל! איר ווייסט וויפיל רצונות עס ליגט אין דער תורה הקדושה?![צג] זאג, זאג, זאג, קוק נישט. ווי שטייט[צד]: "**כֵּלִים רֵקִים אַל תַּמְעִיטִי**", עס וועט ווערן פול מיט בוימעל (- שמן) בלי גבול ובלי ערך, דאס איז די ארבעט אויף דער וועלט!

דאס איז אַן עצה נפלאה; דאס ארבעט צוזאמען מיט דער חיזוק פון רבי'ן, מיט דער הבטחה פון דעם הייליגן רבי'ן, ממש מיר האבן גארנישט וואס מורא צו האבן! זאג! לאז נישט אריין קיין מחשבות אונז מרַחק צו זיין, "קחו עמכם דברים ושובו אל ה'".

בפרט אז מיר שטייען ערשט אנהויב אנהויב, דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מען זאל נישט חרטה האבן, מען זאל אנפולן די גאנצע פערציג טעג און נאכדעם די צען טעג (מעשי"ת), מיט די טעג פון "צלא דמהימנותא", ווערט מען נכלל אין אזא בורא אמיתי, מען

---

**צג.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ד, אות ד': אותיות התורה הם התלבשות רצונו של השם יתברך, כי רצונו של השם יתברך שהמצוות יהיו כך. למשל מצות תפלין, היה רצונו שיהיה בארבע פרשיות ובתים של עור ולא של כסף, כי כן רצונו, נמצא שרצונו מלובש בכל התורה. ועכשיו שהתורה מסורה בידינו, גם הרצון של השם יתברך מסורה בידינו. שאנו מושלין כביכול להיות רצונו כפי רצוננו, וזה בחינת "ישראל ממשלותיו".

**צד.** מלאכים-ב ד, ג. - מתוך דברי אלישע אל אשה אחת מבני הנביאים, ונעשה נס ונתמלאו שם כל הכלים שמן וכו', עיין שם.

האט א שייכות צו דעם 'יום דין האחרון' לויט וויפיל מען האט אריינגעלייגט אין די תיקוני עצמינו ותיקוני כלל ישראל.

דער אויבערשטער זאל אונז טאקע העלפן אז (אפילו) אזעלכע ווייטע ווי אונז וואס אונז שטייען אזוי ווייט, זאלן מיר קענען מקרב זיין דעם גרעסטן רחוק בתכלית הריחוק, וואס אויף דעם זענען מיר ארויס אויף דער וועלט - צו אלעס מעלה זיין![צה] און דאס איז אלץ אז מען האלט זיך אינעם דיבור[צו] און מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מען זאל פארברענגען די טעג מיט גוטס, מיט תורה מיט תפילה מיט עבודה, דער אויבערשטער זאל זיין בעזרינו, אונז זאל טאקע זוכה זיין, 'אנו כמו שאנו', מיט גאנץ כלל ישראל, צו גורם זיין און ברענגען דער גאולה השלימה, "ותחזינה עינינו" במהרה בימינו אמן.

---

**צה.** עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז, אות י': **חייב כל אדם לומר בשבילי נברא העולם, ואפילו הפחות שבישראל נברא שיהיה לו חלק בהתגלות מלכותו יתברך לכל באי עולם.** ושם בהל' בשר בחלב ה"ה, אות ד': עיקר היגיעה והעבודה של האדם כל ימי חייו לברר וללבן כל עולם וכל דרגא מאחיזת הקליפה שבאותו עולם ודרגא. **וזה בכל אדם ובכל זמן, כי אפילו הפחות שבפחותים כפי עבודתו וכפי מעשיו הטובים כמו כן הוא מברר ומזכך כפי מדריגתו. וכמו כן הוא זוכה להשגת אלקות להכיר אותו יתברך.** ולהיפך להיפך.

**צו.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ט' אות ג', ובסי' קי"ב, מבואר שם, על ידי שאוחז עצמו בהדיבור אמת הוא מקיים כל העולמות וזוכה להוציא גם אחרים מהחושך, עיין שם.

# עמודי התווך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד
להם ולזרעם עד עולם,עם רוב תענוג ונחת
דקדושה כל הימים

# יי״ש שכר לפעולתך

**ברכת מזלא טבא וגדיא יאה**

לכבוד הבחור כהלכה, אשרי שלו ככה, עוסק באורייתא תדירא,
ידוע בעבודתיו לפני נורא עלולה, מידותיו מוזהבות אצלו משולבות,
המשליך נפשו לחזק בני ישראל הדורשים בצמא את דבר ה׳
היוצאים מפי מורינו הגה״צ שליט״א, כשמן הטוב תורק שמו

ה״ה

## הבה״ח יואל שמעון קויפמאן נ״י

**בן מוה״ר ישכר דוב הי״ו**

## לרגל שמחת ארוסיו למזל טוב בשעה טובה ומוצלחת

**עב״ג מוה״ר אפרים אליעזר פריעדמאן הי״ו**

בן להאי מעתיק שמועה החסיד הנלהב
**הגה״ח רבי יצחק פריעדמאן שליט״א**

**ובהאי עידן שמחתא ראוי לברכו ברכת ישר כח, על עזרתו המרובה בכל עת ועידן למען הצלחת המכון, ומשליך נפשו מנגד לעשות כל מה שביכלתו לפאר ולשבח ולרומם תוכן הקונטרס בכל חודש וחודש**

ויה״ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שהזיווג יעלה יפה יפה, ואך טוב וחסד
ירדוף אותו כל ימי חייו, ויזכה לישב באהלה של תורה במנוחה ושלוה
כאוות נפשו הטוב, ויזכה עוד רבות בשנים לחזק רבבות בני ישראל
באנפין נהירין ונהורא מעליא, זרעא חיא וקיימא, זרעא די לא יפסוק ודי
לא יבטול מפתגמי אורייתא, עדי נזכה לקבל פני משיח צדקינו בב״א

המברכים מעומקי דליבא:
**חברי מכון דורשי יחודך**

# יאמץ לבך

עס שטייט ביי יעקב (בראשית לב, כה): "**וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ**". שטייט אין חז"ל, דער ס"מ אליין האט זיך געשלאגן מיט יעקב'ן – נישט קיין שלוחי הס"מ, נישט קיין 'דמים עכורים', נאר דער ס"מ אליין, ער האט אים געוואלט מאכן נאך ערגער ווי עשיו'ן.

"ויאבק איש עמו". איז דא א חז"ל, ווען צוויי מענטשן קריגן זיך, שאפט זיך אַן 'אבק' (– וואלקן שטויב), בפרט אין א מדבר ווי עס איז דא אסאך זאמד, איז ארויפגעגאנגען אזא 'אבק' ביזן כסא הכבוד.

האב איך געזען אין א פלאין, וואס איז דער סוד שבדבר?

נישט דער "**וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ**" האט אים געמאכט ווערן אויס "יעקב" נאר "ישראל" – 'ראש לישראל' – דאס איז נישט געווארן ערשט צום לעצט דורכ'ן 'זיך נישט אונטערגעבן'.

**דאס איז געווארן פון אלע מעברים! פון יעדער ריר! פון יעדער שוועריקייט! פון אלע 'אבק' וואס איז געווען, פון יעדער פרט! – אט דאס איז ארויף צום כסא הכבוד, די אלע מעברים וואס עס קומט אָן שווער די עבודת ה' – פון דעם איז געווארן די כלים צו מקבל זיין!**

(דברות קודש במסיבת עצרת חג – חוה"מ פסח שנת תשס"א לפ"ק)